# קרית ברסלב בלעטל

שנה ה' נומער 224 | פרשת בהעלותך · תשפ"ד

# א דף גמרא איז מיין לעבן

ערב שבועות אין גן עדן התחתון

**געשעענישן:** דער ראש ישיבה טרעפט זיך מיט הרב שלום מרדכי רובאשקין שליט"א



**וועלטליכע נייעס:** ארויסגעכאפט פיר משכונות פון עזה

**אלץ און אלעמען:** קען א פליג לעבן אן א קאפ?

**דער אוצר אויפן באן:** מוהרא"ש פארט קיין אמעריקע

נייעס, באריכטן, בריוו, ארטיקלען און בילדער איבערן הערליכן יום טוב שבועות אין שטעטל במחיצות דעם ראש ישיבה שליט"א.




### קרית ברסלב נייעס
הערליכער יום טוב שבועות אין שטעטל
10


### בריוו צום רעדאקציע
50 דפים געלערנט א דאנק די אינטערוויו
4


### געדאנקען
נישטא קיין צייט פאר הונדערטער
14


### וועלטליכע נייעס
צפון קארעא שיקט אריין מיסט באלונען קיין דרום קארעא
9


### קינדער בלעטל
מעשה פון תפילה געמאלן
57



### שיעור אין גראמען
צווי געסט
28


# קרית ברסלב בלעטל


רעדאקציע:
אברהם משה שטראסטער, משה ארי' שניטצלער, שמעון עוזר פערל, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, נפתלי הירצקא וואללנער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ש. ל. פליישמאן

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomi@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער איינצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169


## זמנים Liberty
בהעלותך כ"ד אייר תשפ"ד

הדלקת הנרות ........08:19
מוצאי שבת ............09:50
מנחה מעריב שלח.... 09:35


# ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערצעגעצויגן

**מו"ה אייזיק קאהן הי"ו**
**וזוגתו ביילא מרים תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל און קענען אויפציען אין שטעטל די קינדער אויפן וועג פון הייליגן רבי'ן.


## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 21 | 88°/65° | | PM Thunderstorms |
| Sat 22 | 84°/65° | | PM Thunderstorms |
| Sun 23 | 79°/62° | | Scattered Thunderstorms |
| Mon 24 | 77°/58° | | Scattered Thunderstorms |
| Tue 25 | 78°/58° | | Partly Cloudy |
| Wed 26 | 79°/60° | | Partly Cloudy |
| Thu 27 | 80°/58° | | PM Showers |
| Fri 28 | 80°/60° | | Partly Cloudy |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
**די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**
שיחות הר"ן רכ"א

## YOUR TRUSTED PARTNER FOR

# Insurance Solutions



When you buy insurance through an independent broker, you get ease, choice, and advice. An independent broker that has allegiance to you as a customer and you can choose the carrier that best suits your needs.

---

## Licensed Insurance and Real Estate Broker

### THE HEILIGE REBBE SAYS

"Ein Shum Yiush B'olam Klal"

we don't give up on you so easily and neither should you!

Looking forward to helping you,

*- Simcha Salz -*

## OUR SERVICES



HOMEOWNERS



RENTERS




TRAVEL



BUSINESS



EMPLOYEE HEALTH



AUTO INSURANCE

## CONTACT US:

| SALZ & ASSOCIATES LLC | SALZ REALTY GROUP LLC | SALZ INSURANCE BROKERAGE LLC |
| --- | --- | --- |
| 212-725-9467 | 212-725-9734 | 212-725-9467 |
| www.salzandassociates.com | www.salzre.com | www.salzinsurance.com |

# בריוו צו די רעדאקציע

## קרישקעלעך פון שבועות אין שטעטל חלק א'

לכבוד די חשוב'ע מערכת קרית בלעטל הי"ו, יישר כח פאר די הערליכע שבועות אויסגאבע, עס איז געווען מלא וגדוש מיט ערליכע געשמאקע ארטיקלען, כה לחי!

בעזרת השם וויל איך מיטטיילן שיינע שיחות, זכרונות און אנעקדאטן פון די הערליכע טעג של קורות רוח וואס מיר האבן מיטגעלעבט אין שטעטל במחיצת דער ראש ישיבה שליט"א, דורכאויס די טעג פון יום טוב שבועות העבר עלינו לטובה, יישר כח פארן ארייננשטעלן מיינע שורות.

עס איז נאטירליך זיך אויסצודרוקן מיט רייכע שילדערונגס ווערטער אז מיר האבן מיטגעלעבט א גאר פרייליכע און געהויבענע יום טוב שבועות ביים ראש ישיבה שליט"א, 'הדרא דלא אפשר למפרט בשפותא' וכו', און דאדורך מקיים געווען דעם ציווי און רצון פון הייליגן רבי'ן זיך צאמצוקומען דריי מאל א יאר, צווישן זיי דעם יום טוב שבועות, אבער חיבה יתירה נודעת לנו אנשי שלומינו תלמידי היכל הקודש, אז עס בלייבט נישט ביי א בלויזע שילדערונג און מצב, נאר מיר קענען דאס אלעס מיטנעמען מיט אונז, נעמליך, צו לעבן מיט די הערליכע דרשות און שיעורים, עצות און חיזוק אויף תורה ותפילה און עבודת ה' אינעם טאג טעגליכן לעבן.

ערב שבועות האט דער ראש ישיבה שליט"א געשריבן א בריוו וועגן א געוויסע נושא, און דער ראש ישיבה האט מיר געזאגט אז מוהרא"ש רעדט פון דעם אין אשר בנחל, און דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט: "אשר בנחל איז מלא חידושים."

דעם צווייטן טאג יום טוב אינדערפרי ארום 9:00 האט דער ראש ישיבה אנגעהויבן לערנען זוהר הקדוש מיט זיין זון נחמן נתן נרו יאיר, ווען אנשי שלומינו זענען געזעסן ארום. דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרוקט אז ער געבט נישט דא א שיעור אין זוהר הקדוש, נאר ער לערנט דאס מיט זיין זון. איינער האט געפרעגט דער ראש ישיבה פארוואס דער ראש ישיבה וויל טאקע נישט אפיציעל געבן א שיעור אין זוהר, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "איך האב דאס נישט געזען ביי קיינעם".

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ווען זיין זיידע קארלסבורגער רב זכרונו לברכה פלעגט לערנען מיט אים זוהר, האט ער געזאגט די גאנצע צייט די לשון הזוהר, אָן זיך אפשטעלן מסביר זיין וכו', נאר פון צייט צו צייט געמאכט די תנועה: "אַה אַה! ווי געשמאק און הייליג עס איז צו זאגן זוהר".

דער ראש ישיבה האט צוגעוויזן פאר עטליכע פון אנשי שלומינו וואס האבן ארייגעקוקט אין א ספר זוהר וואו ער האלט, און דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן אין פרשת תרומה דף קמא ע"א ביי די ווערטער: "כיון דאסתים קליפה למוחא".

דער ראש ישיבה האט זיך אפגעשטעלט ביי די ווערטער וואס דער זוהר הקודש זאגט: "וואויל איז די נשמה וואס ווערט נפטר אינעם הייליג לאנד [ארץ ישראל]". דער ראש ישיבה איז אריין אין א שמועס אז דאס מיינט נישט דווקא ארץ ישראל, נאר סיי וואו א מענטש ווערט נאר נפטר, אויב האט ער אמונה אינעם אייבערשטן, ער האט נישט קיין קשיות אויפ'ן אייבערשטן - הייסט דאס אויך ווי ער איז נפטר געווארן בארעא קדישא.

[אזוי ווי מיר הערן כסדר פונעם ראש ישיבה, אז ארץ ישראל מיינט לעבן מיט אמונה, לעבן מיטן אייבערשטן.

אגב, דער ראש ישיבה שליט"א האט איינגעפירט אז אויף די שער בלאט פון די ספרים וואס מען געבט ארויס דורך "קרן הדפסה היכל הקודש" זאל שטיין: "הובא לדפוס על ידי חסידי ברסלב עיר הקודש ירושלים תובב"א", אזוי

ווי מוהרא"ש ז"ע פלעגט שרייבן אין זיינע ספרים. עס איז געווען איינמאל ביי איינע פון די ספרים וואס מכון עצתו אמונה האט געדרוקט, אז מ'האט בטעות געשריבן "חסידי ברסלב קרית ברסלב ליבערטי", ווען מיר האבן זיך אנטשולדיגט פארן ראש ישיבה אויף דעם טעות, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "וואס איז ירושלים? אז מען האט יראת שמים, מען לעבט מיטן אייבערשטן, אז מען לעבט אין ליבערטי מיטן אייבערשטן איז דאס ירושלים". דער ראש ישיבה האט דערנאך צוגעלייגט אז ס'איז דא א סוד אין דאס שרייבן ירושלים דווקא].

דערנאך איז דער ראש ישיבה אריין אין א שמועס פון הרה"ח ר' משה לייב אמסעל ע"ה [משה יהודה בן דוד], איינער פון אנשי שלומינו תלמידי היכל הקודש, וואס דער ראש ישיבה איז געווען ביי אים עטליכע טעג פאר יציאת נשמה.

צום ערשט וועלן מיר אראפברענגען א שטיקל פון א מכתב יומי, וואו דער ראש ישיבה שרייבט:

בעזהשי"ת - יום ב' פרשת כי תצא, ט' אלול, שנת תשע"ו לפ"ק

לכבוד ... נרו יאיר

איך בין געווען שבת אין בארא פארק ווייל מיין שווער האט געמאכט א שמחה און פרייטיג פארן זמן בין איך געגאנגען באזוכן ר' משה לייב הי"ו; וואס זאל איך דיר זאגן, עס איז נישט דא אויף דער וועלט אזאנס ווי א תלמיד 'היכל הקודש', ער האלט ממש ביים אויסגיין, די דאקטוירים האבן אים געגעבן נאך א פאר וואכן, ער ליגט אין בעט זייער אפגעשוואכט און זיין פנים שיינט אים פול מיט חן, ער האט א ישוב הדעת וואס געזונטע מענטשן האבן נישט, און ער רעדט נאר דיבורי אמונה, דיבורים פון מוהרא"ש און פון רבי'ן, איך האב געמיינט אז איך קום אים מחזק זיין, דערווייל 'בא ללמד ונמצא למוד' ער האט מיר מחזק געווען. איך בין ארויס פון דארט מורא'דיג אויפגעפרישט, ווייל איך בין שוין געווען זייער אסאך אין שפיטאל ביי מענטשן וואס האבן האלטן פארן אוועקגיין פון דער וועלט, איך פלעג שלאפן אין שפיטעלער מיט קראנקע מענטשן, אבער אזאנס זעט מען נישט בכלל, א מענטש וואס ווייסט אז אט אט גייט ער שטארבן און ער איז פיל מיט שמחה.

דאס האט מיר מורא'דיג געשטארקט צו זען צו וואס א מענטש קען זוכה זיין, פארשטייט זיך אז מען זעט דאס ביי גרויסע צדיקים, אבער ביי פשוט'ע מענטשן איז דאס נישט דא, נאר אין 'היכל הקודש'. דערפאר בעט איך דיר, מאך דיר א שיעור אין דעם הייליגן ספר 'אשר בנחל', וועסטו אויך זוכה זיין צו לעבן מיט א ישוב הדעת, און דו וועסט זיין פרייליך מיט דיין לעבן. דו וועסט קיינעם נישט מקנא זיין נאר דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אויף אלע חסדים. ע"כ.

דער ראש ישיבה האט דערציילט באריכות די גאנצע באזוך, ווי עס איז געווען אין די לאנגע פרייטאג נאכמיטאגס, און זיין חבר להבחל"ח ר' יצחק ראזענבערג ע"ה האט אים געבעטן צו קומען מיט אים באזוכן ר' משה לייב ע"ה, ער איז געליגן אינעם אפטיילונג פון מיימאנידעס שפיטאל וואו עס ליגן די וואס מ'באהאנדלט זיי שוין נישט, נאר מ'לאזט זיי ליגן באקוועם ביז זיי ווערן נפטר.

דער ראש ישיבה איז שוין געווען אנגעטון אין בגדי שבת, און דער ראש ישיבה האט געטראכט ווי אזוי ער גייט אים טרעפן, ווי נישט ווי, ער איז אין א מצב וואס מ'קען אים שוין נישט היילן, ער האט שוין נישט צו לאנג צו לעבן... אבער ווי דער ראש ישיבה קומט אריין זעט ער ווי זיין פנים שיינט מיט א מורא'דיגע ליכטיגקייט, [דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן, מ'קען זען אויפ'ן פנים פון א מענטש צי ער האט אמונה, צי ער איז פרייליך, אדער ער איז חס ושלום ברוגז אויפ'ן אייבערשטן], ער האט זיך באדאנקט פאר די שיעורים פונעם ראש ישיבה וואס ער הערט אויס, ער האט געהאט מיט זיך זיין ליקוטי מוהר"ן מיט זיין משניות.

ער האט זיך אנגערופן פאר דער ראש ישיבה אז מוהרא"ש האט אים געזאגט: "ביסט געווען אין אומאן דארפסטו פון גארנישט מורא האבן". כאטשיג ער איז נעבעך נישט געווען חתונה געהאט און נישט איבערגעלאזט דורות, האט ער גארנישט דערמאנט פון דעם, נאר געזאגט אז ער האט נישט מורא פון גארנישט.

אינמיטן האט מען אים אריינגעברענגט א קליין גלעזל מיט אסאך מעדעצין פילן איינצונעמען, דערציילט דער ראש ישיבה, ער האט דאס גענומען און איבערגעגאנגען מיט ישוב הדעת וועלכע פיל יא צו נעמען און וועלכע נישט, עטליכע פילן האט ער געזאגט עס פעלט נישט אויס, ביי איינס האט ער געזאגט עס וועט אים בארואיגן זיינע יסורים וועט ער דאס נעמען, ער איז נישט געווארן פארלוירן... אזוי ווי מ'קען זען מענטשן וואס קומען אן אין שפיטאל ווערן אינגאנצן פארלוירן, זיי פאלן און געבן זיך אינגאנצן איבער צום שפיטאל שטאב...

●

דער ראש ישיבה איז אריין אין א שמועס פון דעם וואס מ'זאגט אז פאר די נשמה גייט ארויס קומט די ס"מ און רעדט צו דעם מענטש צו כפירות רח"ל (עיין ספר של"ה, מסכת פסחים סוף פרק נר מצוה). דער ראש ישיבה האט דערציילט אז אמאל האט ער זייער מורא געהאט פון דעם, זעט זיך אויס אז א מלמד אדער א מגיד שיעור במשך די יארן האט דאס אריינגעלייגט אין אים אויף זייער א שרעקעדיגע וועג, דעריבער פלעגט ער זאגן א ספעציעלע מסירת מודעה אויף דעם (עיין בספר שבט מוסר פרק כז, אות מ-מא וואו עס ווערט אראפגעברענגט), אבער היינט איז ער שוין אזוי שטארק מיט די אמונה, אז דער נסיון איז ביי אים ווי א נישט געזונטע איבערגעטריבענע פאביע.

●

דערנאך האט דער ראש ישיבה גערעדט פון וואס דער זוהר הקדוש זאגט אז די צדיקים וואס האבן נישט הנאה געהאט פון די וועלט רוט נישט אויף זיי א רוח טומאה, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז דאס מיינט מען אן הנאה פון איסור און עבירות ח"ו, אבער אז מען מאכט א ברכה מעג מען הנאה האבן, אזוי ווי חז"ל זאגן (ברכות לה.) כל ה'נהנה' מעולם הזה בלא ברכה מעל, אז אן א ברכה און באיסור - טאר מען נישט הנאה האבן.

דער ראש ישיבה האט דערמאנט די גמרא אין פסחים (סח:): "רב יוסף ביומא דעצרתא אמר עבדי לי עגלא תילתא", אז לכאורה וואלט ער געדארפט בעטן מ'זאל אים אנגרייטן שטרוי צו עסן, וואס עפעס אזעלכע פיינע פעטע פלייש? נאר זעט מען פון דעם אז מ'מעג הנאה האבן.

המשך יבוא בעזרת השם קומענדיגע וואך.

*יואל שניצלער, קרית ברסלב*

## איבער די אינטערוויו פון הגאון רבי משה גראס שליט"א

א גרויסן דאנק פאר די הערליכע בלעטל פון שבועות וואס איז געווען מלא תוכן, ובפרט די שמועס מיטן גאון רבי משה גראס שליט"א, וואס שיסט ארויס פון זיך די געשמאקן פון די תורה, און אז יעדער קען צו דעם צוקומען דורכן סדר הלימוד.

איך וויל מיטטיילן אן עפיזאד וואס א אינגערמאן האט מיר פארציילט ערב שבועות, ער פארציילט מיר אז ער האט באקומען דעם בלעטל שבת פאר שבועות, ער האט דורכגעליינט דעם אינטערוויו פון רבי משה, ער איז געווארן פון דעם אזוי נתעורר, אז שבת נאכמיטאג האט ער זיך געזעצט זאגן גמרא איין דף נאכן צווייטן מיט אן עקשנות. נאכן ענדיגן האט ער איבערגעציילט וויפיל בלעטער ער האט געלערנט, האט ער געזען אז ס'איז אנגעקומען צו גאנצע פיפציג בלעטער. דאס איז די קרעדיט פון דעם שיינעם שמועס פון רבי משה. זאל אייך די זכות ביישטיין, און מען זאל ווייטער קענען ארויסגעבן נאך און נאך גוטע אינהאלט.

*אברהם ראטענבערג, קרית יואל*

# איבער אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com



## דאס לעבן פון א פלוג

### שאלה: איז אמת אז א פלוג קען לעבן אָן זיין קאפ?

**ענטפער:** פליגן אטעמען נישט דורך זייער מויל, זיי באקומען אקסיגען דורך זייער הויט דירעקט צו זייערע אברים, דאס מאכט אז א פלוג קען טעארעטיש לעבן אביסל אפילו אן זייער קאפ. אבער אפילו זיי קענען אזוי גערופן "לעבן" וועלן זיי נישט קענען פוקנציאנירן, ווייל זיי דארפן האבן זייער קאפ צו זען, שפירן, עסן, און טרונקען, און זיי וועלן גאנץ שנעל שטארבן פון הונגער און דורשט.

דא אויף דער וועלט זענען אויך דא להבדיל מענטשן וואס "לעבן" אן א קאפ. זייער קאפ ליגט זיי ביי א צווייטן, ער טראכט נאר וואס דער שכן זאגט, וואס דער חבר טוט, און וואס דער שכן האלט. ער האט בכלל נישט קיין קאפ. פאר אונז דאכט זיך אז אזא מענטש לעבט, ער גייט ארום, ער עסט ער טרונקט, אבער ער טוט עס נאר ווייל יעדער טוט עס; און אפילו ווען עס קומט צו מצוות און מעשים טובים, פארגעסט ער נעבעך פון זיין נשמה און פונעם אייבערשטן, ער האט נעבען נישט קיין קאפ צו טראכטן. ער טוט זאכן פשוט ווייל ס'איז נישט נארמאל צו טון אנדערש. און ליידער ווען עס קומט צו מצוות וואס אסאך זענען ליידער נזנח, טראכט ער נישט קיין צוויי, און טוט וואס איז נארמאל. וואס פארא טענות קען מען האבן צו אים, עס לעבט א טויטע מענטש.

עס איז אונזער אחריות צו מפיץ זיין דעם רבי'נס ליכט פאר אלע אידישע קינדער, און מען קען אזוי ארום צוריק געבן פאר אידישע קינדער זייער קאפ, און זיי קאנעקטן צום אייבערשטן, ער הייבט אן צו זען אז ער האט א תפקיד אויף דער וועלט, און ער קען האבן א פערזענליכער קשר מיט'ן אייבערשטן.

א קאפלאזע פלוג וועט שטיין באוועגלאז אויף זיין פלאץ, ווייל ער האט נישט די סענסארס פון זיין קאפ וואס מיט דעם ווייסט ער וואס עס טוט זיך פארנט פון אים, אויב מען וועט אים געבן א שטופ, וועט ער זיך רוקן א ביסעלע און ווייטער בלייבן שטיין. ער לעבט ווי א טויטער, ער האט נישט קיין ציל אויף דער וועלט.

עס גייען נעבעך ארום צווישן אונז פילע מענטשן וואס דער סמ"ך מ"ם מאכט זיי שפירן אן א קאפ, און זיי גייען ארום אן קיין ציל און אן קיין תכלית, אין מאנהעטען ווען מען קוקט שוין יא ארויף אויפן הימל, טראכט מען נאך אלץ נישט פונעם אייבערשטן, מען זעט נאר די ריזיגע בנינים וואס פארבלענדן די אויגן, און מען דארף נאך שטארק אנכאפן דעם קאפל, ווייל דאס קען מען ח"ו אויך פארלירן אזוי. געוויסע מיינען אז מען בלייבט דא לעבן אויף אייביג, זיי כאפן נישט אז מען גייט שוין באלד אהיים, במילא פאסירט אז זיי קריגן זיך מיט אנדערע ארום אים.

דער ראש ישיבה האט אמאל געזאגט אויף דעם וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (חולין נט.) עס איז דא א פליג מיט'ן נאמען "בַּקָא", דער פליג לעבט אינגאנצן איין טאג, אנשטאט די פליג זאל זיך פרייען מיט'ן פאָר - קריגן זיי זיך און בלאזן איינער אויפ'ן צווייטן, די נקבה פליג זאגט פאר'ן זכר פליג: "חֲזֵיתֵיהּ לְבַר מְחוֹזָא דִּסְחָא בְּמַיָּא וּסְלִיק וְאִיכָּרֵךְ בִּסְדִינָיו, וְאוֹתִיבַת עֲלֵיהּ וּמְצַת מִינֵּיהּ וְלָא הוֹדַעַת לִי", איך האב געזען ווי דו האסט געביסן א מענטש וואס איז געשווימען אין וואסער און דו האסט מיר נישט גערופן איך זאל אויך האבן פון זיין בלוט צו עסן, דערפאר גיי איך נישט רעדן מיט דיר פאר זיבן יאר; די מעשה איז אזוי לאכעדיג, זיי לעבן קוים איין טאג און זיי קריגן זיך פאר זיבן יאר, עס איז לאכעדיג ווען מען הערט עס דערציילן אויפ'ן פליג, אויך איז עס וויינעדיג ווען דער מענטש אליינס פירט זיך אזוי אויף, מענטשן מיינען מען בלייבט דא אויף אייביג, מען כאפט נישט אז דער גאנצער לעבן פליט אריבער אזוי ווי פופצן מינוט, פארוואס זאל מען זיך קריגן?!

אבער די גוטע נייעס איז אז ווילאנג א מענטש לעבט, קען מען אים נאך צוריק אויפלעבן זיין קאפ, ער זאל זיך נאר צוהערן צו די צדיקים, און אנהייבן פאלגן בתמימות ובפשיטות, דער עיקר איז רעדן צום אייבערשטן, דערנאך לערנען אביסל, זאגן די ווערטער פון די תורה, וועט מען צוריק אויפלעבן, און באקומען א ציל און אנהייבן שפירן א סיפוק אין לעבן, און מען וועט אויפהערן זיך קריגן מיט מענטשן.

### ימי שנותינו בהם שבעים שנה

גרשון קרעמער



# די באפרייטע משכונות ליידן פון שטאקהאלם סינדראם מחלה

מיט עטליכע טעג צוריק איז געווען אין די נייעס אז פיר אידישע משכונות וואס זענען געווען פארכאפט אין עזה זענען ברוך השם באפרייט געווארן אין א גרויסע מיליטערישע אפעראציע ביי וועלכע הונדערטער עזה'אנער זענען גע'הרג'עט געווארן.

די פיר משכונות זענען געווען פארכאפט ביי איינע פון די מערסט באוואוינטע געגנטער אין עזה. אינמיטן העלן טאג האבן די קרעפטן באוויזן צו ארויסראטעווען לעבעדיגערהייט פיר פארכאפטע משכונות וואס שמאכטן שוין איבער אכט חדשים אין כאמאס געפענגעניש, די פיר זענען דריי מענער און איין פרוי.

די אפעראציע האט זיך אנגעהויבן עלעף אזייגער אינדערפרי ווען ספעציעלע קרעפטן זענען באהאלטענערהייט אריינגעפארן אין די נוסייראט פליטים לאגער וואס געפינט זיך הארט נעבן ים און אין דער זעלבער מינוט געשטורעמט צוויי געביידעס אויפאמאל, ווי אין איינס האט זיך געפונען די פרוי און אין די צווייטע האבן זיך געפונען די דריי אנדערע, ביי די שלאכטן ביי דער צווייטע געביידע איז ליידער אומגעקומען איין סאלדאט מיטן נאמען ארנון זמורה הי"ד וואס האט פאראורזאכט אז די ארויסגיין פון דארט זאל זיך פארזוימען, הונדערטער באוואפנטע כאמאס טעראריסטן וואס האבן געהערט די פייער אויסטוישן זענען געקומען צו לויפן אהין און אנגעהויבן שיסן אויף די אנטלויף אויטא וואס איז צוליב דעם ארויס פון דינסט, און מען האט שנעל געדארפט טרעפן א צווייטע וועג ארויס פון דארט. די מיליטער האט אקטיוויזירט די אלטערנאטיווע פלאן און אנגעהויבן שיסן פון די ערד, וואסער, און לופט, אויף די אטאקירער וואס אין רעזולטאט זענען איבער צוויי הונדערט טעראריסטן אומגעקומען.

אמעריקא האט געמאלדן אז זיי האבן צוגעשטעלט קראנטע שפיאנאזש פאר מדינת ישראל וואו די משכונות געפונען זיך אבער האבן אפגעווארפן די קלאנגען אז די שווימענדיגע פארט וואס זיי האבן אויפגעשטעלט נעבן עזה זאל האבן אן אקטיווע ראלע אינעם אקציע.

דערווייל געפונען זיך די באפרייטע משכונות אונטער מעדיצינישע אויפזוכט, און ווי דאקטוירים זאגן זעט מען אויף זיי ערנסטע סימנים פון גייסטישע פראבלעמען וואס האט זיך אנטוויקעלט פון זייער געפענגעניש. די ערגסטע איז אז עס זענען דא אנדייטונגען אז זיי האבן אנטוויקעלט דעם "שטאקהאלם סינדראם".

"שטאקהאלם סינדראם" איז די ערשטע מאל אנטדעקט געווארן אין שוועדן אין יאר תשל"ג ווען דורכאויס א רויבעריי זענען א גרופע באנק ארבייטער געהאלטן געווארן דורך די פארברעכער אלץ משכונות פאר זעקס טעג, און ווי איבעראשענד עס האט זיך געהערט האט מען געזען אז די באפרייטע משכונות האבן באקומען א געוויסע "ליבשאפט" צו זייערע פארכאפערס, און אנשטאט זיי זאלן ארויסהעלפן אין די אויספארשונג צו ערמעגליכן צו אנקלאגן די פארברעכער, האבן זיי בלויז געהאלטן אין איין פארטיידיגן די רויבער.

זינט דאן האט מען שוין באמערקט דעם ערשיינונג ביי נאך אזעלכע געלעגנהייטן, איר קענט דאס פארשטיין? זיי זענען פריי, זיי קענען זען די שיין פון די זון, זיי זענען צוריק צו זייער פאמיליע, אבער זיי האבן עפעס א געפיל ווי זיי ווילן צוריק צו גיין. עס איז זענען דא מענטשן פארכאפט ביי די סמ"ך מ"ם אין טאש, עס קומען די קאמאנדאס, די מפיצים, מען געבט זיי א מעסערל אין די הענט, מוהרא"ש רעדט צו אונז און זאגט אונז קלאר, דו ביסט באפרייט, דו קענסט יא לערנען, הייב אן זאגן, האב נישט קיין מורא, גיי נישט צוריק צו דיינע פארכאפער וואס זאגן דיר זאגן אז עס הייסט נישט געלערנט, זיי זענען נישט דיינע פריינט. עס ערווארט דיר א הערליכע לעבן. דו קענסט אהיים גיין צו דיין ווייב און האבן א געשמאקע שטוב, צוברעך נישט דיין שטוב. די וואס ווילן עס צוברעכן זענען דיינע שונאים, גיי נישט צו זיי.

פאלג צדיקים און גיי ארויס פון דיין פריוואטע גלות, הייב אן לעבן, וועט דיר זיין גוט אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט!

**ושבור עול הגליות מעל צווארנו**

# ס'פליט מיסט באלונען קיין דרום קארעא פונעם שכן צפון קארעא



אין די לעצטע וואך האבן איינוואוינער אין דרום קארעא זיך אנגעשטויסן מיט אן אומאיינגענעמע ערשיינונג, נעמליך, עס קומען צו פליען ריזיגע לופט באלונען פונעם שכן די קאמוניסטישע צפון קארעא, צוגעבינדן דערצו גרויסע מיסט זעקלעך וואס באשמיצן און שעדיגן וואו זיי פאלן (ס'פליט מיסט פונעם שכנ'ס פענסטער... פאר ווער עס געדענקט נאך).

ווי עס שיינט קומט דאס אין רעאקציע צו די פראפאגאנדע באלונען וואס די רעגירונג פון די דעמאקראטישע דרום לאזט כסדר אריבערפליען מיט באלונען קיין צפון, ווי זיי פרובירן אויפצואווייזן פאר זייערע צפון קרובים זיי זאלן איבערווארפן די קאמוניסטישע רעגירונג וואס הערשט איבער זיי מיט א שטארקע פויסט, און וואשט זייערע מוחות אז עס איז נישט פאראן קיין בעסערע ארט אויף דער וועלט ווי צפון קארעא, און אז זייער פירער קום יאנג איז דער געטשעקע וואס געבט זיי אלעס און זיי דארפן אים דינען געטריי.

די קאנפליקט צווישן קאמוניזם און דעמאקראטיע גייט נאך אן אין די קארעאס מיטן פולן קראפט, ווען ביידע זייטן האפן נאך צו צוריק צו פאראייניגן ביידע לענדער אונטער זייער מלוכה.

ביי די פרשה פון די מרגלים זעען מיר אז משה רבינו האט געהייסן די מרגלים בודק זיין די שטעט פון ארץ ישראל, און האט זיי געזאגט "אויב וואוינען די מענטשן אונטער גרויסע מויערן, דאס איז א סימן א זיי זענען שוואך, אבער אויב לעבן זיי אין אפענע שטעט, איז א סימן אז זיי זענען זייער שטארק". מוהרא"ש פלעגט זאגן אז דאס איז אויך היינטיגע צייטן, ביי ברסלב'ע חסידים האט מען אייביג אויסגעלערענט אז מען זאל לערנען אלע ספרים פון אלע צדיקים, פון אלע ערליכע אידן, הלכה ספרים, מוסר ספרים, חסידישע ספרים און אזוי ווייטער.

מוהרא"ש פלעגט זאגן "פארוואס זענען דא אזעלעכע וואס לאזן נישט אריינקוקן אין ברסלב'ע ספרים? דאס איז ווייל זיי ווייסן אז אויב מען קוקט אריין דערין וועט מען גארנישט זען דערין אויסער גילוי אלקות, עצות צו קענען זיין אן ערליכע איד, התחזקות אין אלע מצבים, און מען וועט זיך איבערצייגן אז די אלע לשון הרע'ס וואס דער סמ"ך מ"ם פארשפרייט אויפן הייליגן רבין איז שקר. און ווען מען פרעגט די בעלי מחלוקת "האסט שוין געזען זיינע ספרים אז דו רעדסט קעגן זיי", וועט ער נאר קענען ענטפערן "מען טאר נישט אריינקוקן דערין", דאס איז די איינציגסטע וועג וויאזוי דער סמ"ך מ"ם קען האלטן אידישע קינדער אין די טונקל, דורך זיך ארום נעמען מיט א הויכע מויער.

להבדיל די צפון קארעא רעגירונג פארקויפט גארנישט, אויסער הונגער און קרענק איז דארט גארנישט דא, זיי קענען נישט צוריק קעמפן קעגן דרום אויף די זעלבע וועג, די דרום רעגירונג האט נישט פון וואס מורא צו האבן, מען דארף זיין בלינד נישט צו זען ווי די לעבן אויף דרום איז אסאך בעסער. אך און ווי אויב א צפון בירגער וועט זיך דערוואגן אויפצוהייבן א קארטל אדער א בלעטל וואס איז געקומען פון דרום, דער יעניגער מיט זיין גאנצע משפחה גייט אריין אין די ערגסטע תפיסות וואס מען קען זיך נאר פארשטעלן, דערפאר האבן זיי נעבעך נישט קיין אנדערע עצה נאר צוריק ווארפן שמוץ, א זאך פון וואס זיי האבן גענוג.

עס איז אסאך מאל לאכעדיג און קאמיש צו זען וויאזוי צוויי לענדער קענען זיך ממש ארומקריגן ווי קליינע קינדער, אזש ביזן ווארפן פשוט זעקלעך מיסט אויפן צווייטן, וואס דאס ווייזט אויף די נישטיגקייט וואס די האבן אין זיך, זיי זענען נישט מער ווי קליינע קינדערלעך וואס שפילן אין גאס, און ווארפן איינער אויפן צווייטן מיסט זעקלעך.

בלייבט פאר אונז זיך אויסצולערנען ווי נאריש דאס איז זיך צוקריגן, זע נישט אויסצוזען ווי די צוויי קליינע קינדער.

**ס'פליט מיסט פונעם שכנ'ס פענסטער**

# יום טוב שבועות אין שטעטל

**דערהויבענעם יום טוב שבועות אין שטעטל**



בית המדרש פעולת הצדיק גרייט פאר יום טוב

אן אויסטערלישע שיינע יום טוב שבועות איז אריבער אויף אנשי שלומינו אין שטעטל צוזאמען מיטן ראש ישיבה שליט"א.

מאנטאג נאכט ערב יום טוב איז דער ראש ישיבה אנגעקומען אין שטעטל. דינסטאג אכט אזייגער אינדערפרי - נאכן דאווענען מיטן ערשטן מנין זיבן אזייגער - האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט דעם דף אין וואלד אינטערן שאטן פון דיביימער. ארויסגייענדיג צום וואלד האט דער ראש ישיבה געטראפן א אינגערמאן וואס איז דעמאלט אנגעקומען דאווענען שחרית, האט אים דער ראש ישיבה געזאגט ער זאל זען צו דאווענען מיטן ערשטן מנין, "האסט דאך יעצט געעפענט א נייע ביזנעס, דארפסטו זען צו דאווענען ביים ערשטן מנין".

נאכן פארלערנען דעם דף האט דער ראש ישיבה אויסגעטיילט די נייע ספר "אשר היה אל יואל", פאר די אינגעלייט וואס האבן צושטייער געגעבן דאס צו קענען דרוקן.

ביים טיילן דעם ספר האט דער ראש ישיבה געפרעגט: "ווען איינער קומט צו דיר בעטן עסן, וואלסטו אים געגעבן? אוודאי יא, און אויב בעט ער דיר דעם קומענדיגן טאג נאכאמאל צו עסן, וואלסטו אים געגעבן, און אויב בעט ער נאכאמאל און נאכאמאל, וואלסטו אים אויפגעהערט צו געבן, וויפיל קען מען דען געבן? אבער אז מען דרוקט א ספר פון א צדיק איז דאס א זאך וואס בלייבט אויף אייביג, און דאס איז די גרעסטע צדקה. וואס שטייט אין דעם ספר?" דער ראש ישיבה האט געעפענט דעם ספר און אנגעהויבן צו זאגן א שטיקל וואס מען זעט גלייך דערפון התחזקות



אויף למעשה, זעט מען דאס גרויסקייט פון העלפן דרוקן די ספרים.

במשך דעם טאג האט מען זיך געגרייט צום הייליגן יום טוב, אסאך געסט זענען געקומען מיטהאלטן דעם שיינעם יום טוב, וואס דאס איז איינס פון די דריי צייטן וואס מען איז געקומען צום הייליגן רבי'ן.

דאס איז טאקע די פלאץ צו באדאנקען די געטרייע הנהלה פון בית התבשיל וואס האט צוגעשטעלט וואסער אויף אסאך פלעצער אין שטעטל, כדי מען זאל זיך קענען דערפרישן בשעת'ן שפאצירן צום שול און צוריק.

שבועות ביינאכט האט זיך אנגעהויבן מיט אווארעמע מנחה פונעם דיין שליט"א, דערנאך האט דער ראש ישיבה גערעדט אפאר ווערטער צוליב דעם וואס ער האט געוואלט ווארטן צו דאווענען מעריב נאכן זמן רבינו תם, וואס הגם אין מגן אברהם שטייט אז דער עיקר איז די קידוש זאל זיין נאכן זמן, אבער אין טור ווערט געברענגט אז מעריב זאל זיין נאכן זמן, כדי עס זאל זיין זיבן גאנצע וואכן, אזוי ווי די פסוק זאגט "שבע שבתות תמימות תהיינה".

אויך האט דער ראש ישיבה פארציילט אז ער פלעגט איינשטיין ביי הרב רבי יצחק לעזער שליט"א אין בארא פארק יום כיפור, כדי צו קענען זיין ביי מוהרא"ש זי"ע. יום כיפור ביינאכט בשעת'ן שפאצירן פון בית המדרש צו די דירה, האט אים רבי יצחק געזאגט א געוואלדיגע ווארט: "ר' יואל, יעצט איז שוין די געוואלדיגע טאג יום כיפור וואס מען קען זיך אלעס אויסבעטן, מען דארף נישט ווארטן אויף מארגן ווען מען וועט שוין זיין הונגעריג און מיד, מען קען שוין יעצט אלעס אויסבעטן." דאס קען מען אויך זאגן יעצט שבועות ביינאכט, מען דארף נישט ווארטן אויף נאך די סעודה ווען מען ווערט שוין מיד, מען קען שוין יעצט זיך אויסבעטן אלעס גוטס. אויך האט דער ראש ישיבה געזאגט אז דאס וואס מען גייט אין מקוה סמוך לעלות, קען מען רעכענען דעם ערשטן עלות השחר, און סמוך מיינט א האלבע שעה פארן עלות.

נאכן סעודה איז מען זיך צאמגעקומען זאגן צוזאמען דעם תיקון ליל שבועות אזוי ווי מוהרא"ש האט אוועקגעשטעלט מען זאל דאס זאגן, דאס איז די ערשטע און די לעצטע פסוק פון יעדע פרשה, און דערנאך די תרי"ג מצות.

אינצווישן האט מען געזינגען שיינע אידישע ניגונים. פאר די תרי"ג מצות האט דער ראש ישיבה געזאגט אז מען קוקט גוט זעט מען אז מיר זענען מקיים די אלע מצות וואס מען גייט דא זאגן, און מיר זענען נישט עובר אויף די עבירות וואס שטייט געשריבן, צוליב דעם דארף מען זיין זייער פרייליך. כמעט ביי יעדע מצוה האט דער ראש ישיבה אויסגעפירט מיט א פרייליכע "שכח אייבערשטער" ווי צו זאגן א דאנק פארן אייבערשטן אז מיר זענען מקיים די מצוה. אזוי אויך האט מען כסדר אפגעשטעלט און געזינגען פרייליכע ניגונים, וואס ברענגט ארויס די שמחה פון זיין א איד.

נאכן תיקון האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פרייליכע טענץ, זיך צו פרייען אינאיינעם אז מיר זענען אידישע קינדער, אויסדערוועלט פון אלע פעלקער איבער די וועלט

אינדערפרי איז געקומען א גרויסער עולם פון אלע עקן שטעטל כדי צו מיטהאלטן דעם דערהויבענעם דאווענען, דער ראש ישיבה איז צוגעגאנגען צו שחרית, מען האט צוזאמען געזונגען דעם גאר ווארימען אהבה רבה ניגון וואס צוגייט אין די ביינער ווען מען הערט דאס זינגען, מען האט זיך גוט אויסגעבעטן אז מען זאל האבן די זכי' צו לערנען יעדן טאג תורה און דאס מקיים זיין מיטן גאנצן געשמאק אזוי ווי דער הייליגער רבי לערנט אונז.

פארן ליינען האט מען געהאט די זכי' צו הערן "אקדמות" פונעם ראש ישיבה, וואס האט אויפגעפלאמט דאס הארץ צום אייבערשטן און צו זיין תורה. פארן ליינען די עשרת הדברות האט דער ראש ישיבה געזאגט מען זאל אריינברענגען אלע קינדער כדי זיי זאלן הערן די עשרת הדברות.

נאכן דאווענען איז געווען א קידוש, ווי מען האט געהאט די זכי' צו הערן גאר שיינע חיזוק פונעם ראש ישיבה אויף יום טוב שבועות. מען האט ארויפגערופן אלע אינגלייט, בחורים און קינדער וואס האבן געמאכט סיומים אין די צייט, אזוי אויך האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט איבערן מנהג פון עסן קרעפלעך, וואס מען פירט זיך דאס צו עסן אלע טעג וואס מען קלאפט, ערב יום הקדוש קלאפט מען על חטא - עסט מען דעמאלט קרעפלעך. הושענה רבה עסט מען קרעפלעך ווייל מען קלאפט מיט די הושענות. אזוי אויך פורים קלאפט מען ביי המן. אבער שבועות זעט מען נישט מען זאל קלאפן מיט עפעס, איז פארוואס עסט מען דעמאלט קרעפלעך? שבועות קלאפט מען דעם יצר הרע דורכדעם וואס מען איז זיך מקבל צו לערנען די הייליגע

תורה יעדן טאג, צוליב דעם עסט מען קרעפלעך.

נאכמיטאג האט דער ראש ישיבה פארגעליינט די תנאים געשריבן דורכן צדיק רבי ישראל נאגארא זכר צדיק לברכה. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז אין היכל הקודש איז דער מנהג צו געבן פשוטע מתנות פאר די חתן און כלה, אזוי אויך יעצט ווען מיר מאכן א חתונה מיט די תורה, דארף מען נישט געבן קיין טייערע מתנות, מען קען זאגן א פרק משניות אן פארשטיין, מען זאגט א דף גמרא כמו שהוא, און דאס איז די שענסטע און בעסטע מתנות וואס דער אייבערשטער דארף.

אויך האט דער ראש ישיבה גערעדט פון דעם וואס חז"ל זאגן אז ביי יעדע ווארט וואס דער אייבערשטער האט געזאגט ביי קבלת התורה, זענען די אידן צוריקגעשפרינגען צוועלף מיל און די מלאכים האבן געדארפט צוריקברענגען די אידן, דאס ווייזט אז קודם האט מען א געוואלדיגע עלי', מען ווערט העכער און נענטער צום אייבערשטן, מען שפירט דעם אייבערשטן, אבער נאכדעם דארפסטו זיין גרייט אז דו גייסט צוריקפאלן, אבער מען טאר זיך נישט פון דעם דערשרעקן, נאר מען דארף קומען צום צדיק וואס דערמאנט אונז אז מיר קענען פון יעצט אנהייבן זיין גוט.

דערנאך האט מען געדאווענט א פרייליכן מעריב און געגאנגען מאכן די סעודה.

דעם צווייטן טאג אינדערפרי פארן דאווענען האט דער ראש ישיבה געלערנט זוהר הקדוש אין וואלד, צו שחרית איז דער ראש ישיבה צוגעגאנגען צום עמוד, וואס ווער עס האט דאס געהערט האט געהאט א הרהור תשובה, די אהבה רבה, די נקדישך, די הלל, עס האט אויפגעוועקט דעם הארץ צו וועלן צוריקגיין צום אייבערשטן און נאר אים וועלן דינען.

ביים קידוש נאכן דאווענען האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט די טעם פארוואס מען עסט מילכיגס, דאס איז צוליב דעם וואס מען זעט ביי מילך אן אינטערעסאנטע זאך; מילך קומט ארגינעל פון בלוט, און מען ווייסט דאך אז א זאך וואס קומט ארויס פון א טמא'נע זאך איז טמא, וואלט דאך מילך אויך געדארפט זיך אסור צו טרינקען, אבער די תורה האט דאס יא מתיר געווען צו טרינקען, ווייל דאס איז אזוי ווי א פרישע באשעפעניש. דאס קומט צו ווייזן אז מען זאל זיך נישט אראפקלאפן מיט וואס עס איז געווען, ווייל דו ביסט יעצט א נייע מענטש, בכלל נישט דער זעלבער פון פאר דעם.

נאכמיטאג האט מען געליינט די כתובה. דער ראש ישיבה האט ארומגערעדט פון דעם וואס דער רבי האט געזאגט אז ווער עס וועט קומען צו אים ראש השנה, חנוכה און שבועות, וועט געראטעוועט ווערן פון עולם התוהו. עולם התוהו איז נישט נאר נאכדעם וואס מען גייט אוועק פון די וועלט, נאר דאס איז אויך ווילאנג מען לעבט זאל מען נישט לעבן אין עולם התוהו, מען זאל לעבן מיט תכלית, זען צו דאווענען שחרית מנחה מעריב יעדן טאג, לערנען שיעורים כסדרן. און נישט זיין פארנומען מיט א צווייטן.

מיט דעם האט מען זיך געזעגנט פונעם הערליכן שיינעם יום טוב שבועות, אהיימנעמענדיג אלע שיינע לימודים אויף א גאנץ יאר.

און מיט דעם איז מען ארויס פון הייליגן יום טוב שבועות און אריין אין שבת קודש, וואס איז אויך אריבער גאר ווארעם און געשמאק, אלע תפילות האט דער ראש ישיבה געדאווענט אין בית המדרש אויף האשקי.

עס איז געווען גאר ווארימע תפילות, אזוי אויך האט מען געהערט גאר געוואלדיגע דיבורים ביים קידוש און אזוי אויך ביי שלש סעודות. אויך האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט שבת אינדערפרי' אין וואלט פונעם סידור עת רצון. דער ראש ישיבה האט ארומגערעדט איבערן פארן קיין ראש השנה צום הייליגן רבי'ן, אז יעדער זאל מאכן התבודדות צו וויסן וויאזוי ער דארף פארן קיין אומאן, דאס יאר ווייל ער נישט זאגן אויף וועלכע וועג ער גייט פארן, כדי מען זאל נישט זאגן אז יעדער מוז דווקא פארן אויף דעם וועג, נאר יעדער זאל זען וואס עס קומט אים אויס בעסער, אבער פארשטייט זיך מען זאל זען נישט צו פארן אליין, ווייל כל הדרכים בחזקת סכנה, מען דארף האבן א חבר וואס זאל דערמאנען אז מען דארף זיך היטן די אויגן.

פארשטייט זיך אז די באריכט איז נאר ממש א פינטל פון וואס עס איז אלס געווען, עס איז געווען אסאך מער פון וואס מען האט דא איבערגעגעבן, יעדע ווארט פונעם ראש ישיבה איז דאך אזוי שיין, פון וואס מען קען האבן חיות פארן גאנצן לעבן. עס איז צום האפן אז פון דעם שטיקל באריכט וועט איר קענען ארויסנעמען חיזוק אנצוגיין אין לעבן מיט די הייליגע תורה.

**צבי ואתרעי בן ומסר לן אורייתא**





# ווער קויפט דעם טלית פארן חתן?

## שאלה

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

**אִיךְ לֵיין אַסַאךְ דִי בְּרִיְוון אָון אִיךְ נֶעם פוּן זֵיי אַסַאךְ חִיזוּק אִין עֲבוֹדַת ה', אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעוָוארְן מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן פְּרוּבִּיר צוּ גֵיין אוּן לֶעבְּן מִיט זַיינֶע עֵצוֹת.**

**אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אִין אַ בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַארְ'ן מְחוּתָּן וֶועגְן אוֹיסְגֶעבְּן אִיבְּרִיגֶע זַאכְן פַאר דִי חֲתוּנָּה אוּן מַתָּנוֹת וְכַדוֹמֶה, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז טַאקֶע גֶערֶעכְט מִיט דֶעם, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נָאר גֶעווּאוּנְדֶערְט אוֹיף אֵיין זַאךְ וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁרַייבְּט אַז דֶער מְחוּתָּן זָאל זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן וֶועגְן דִי טַלֵיתִים, וַוייל דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט שׁוֹין אַלֵיין קוֹיפְן פַארְ'ן חָתָן.**

**מִיר וֵוייסְן דָאךְ אַז עַל פִּי קַבָּלָה אִיז דָא אַן עִנְיָן אַז דַוְקָא דִי כַּלָה זָאל שִׁיקְן דֶעם טַלִית פַארְ'ן חָתָן, אוּן דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט דָאס בְּפֵירוּשׁ אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן תּוֹרָה מ"ט "וְזֶה הַטַּעַם לָמָּה שׁוֹלַחַת הַכַּלָּה לְהֶחָתָן טַלִּית". ווִיל אִיךְ פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט נִישְׁט גֶעטוּן אַזוֹי.**

**יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.**

## א בריוו פון דער ראש ישיבה

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ד סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט הַיִתָּכֵן אִיךְ הָאבּ אַלֵיינְס בַּאצָאלְט דֶעם טַלִית פַאר מַיין זוּן, דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאךְ (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן מט): "וְזֶה הַטַּעַם לָמָּה הַכַּלָּה שׁוֹלַחַת לְהֶחָתָן הַטַּלִּית", מֶען פִירְט זִיךְ דָאךְ אַז דִי כַּלָה שִׁיקְט דֶעם טַלִית פַארְ'ן חָתָן?

אֱמֶת טַאקֶע, דֶער מִנְהָג אִיז אַז דִי כַּלָה שִׁיקְט דֶעם טַלִית, אָבֶּער דֶער רֶבִּי רֶעדְט פוּנֶעם טַלִית אַלֵיינְס; דֶער טַלִית אַלֵיינְס - דָאס שִׁיקְט דִי כַּלָה פַארְ'ן חָתָן אָבֶּער דִי זִילְבֶּערְנֶע עֲטָרוֹת אוּן דָאס וָואכְן בַּייטְל, שַׁבָּת בַּייטְל, גַארְטְל אוּן קִיטְל וְכוּ' וְכוּ' - דָאס אִיז שׁוֹין אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ. דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁרִיבְּן פַאר מַיין מְחוּתָּן נֵרוֹ יָאִיר אַז אִיךְ וֶועל בַּאצָאלְן דִי אַלֶע אִיבֶּערִיגֶע זַאכְן, וַוייל עֶס קוּמְט אוֹיס אַסַאךְ מָאל אוּמְבַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייטְן צְוִוישְׁן מְחוּתָּנִים וֶוען דֶער חָתָן קוֹיפְט אַיין מֶער ווִי דֶער מְחוּתָּן אִיז ווִילִיג צוּ בַּאצָאלְן.

אַז מֶען רֶעדְט שׁוֹין פוּנֶעם טַלִית וֵוייסְטוּ דָאךְ אַוַדַאי דֶעם סִיפּוּר וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים וֶוען עֶר הָאט אִים אַוֶועק גֶעגֶעבְּן זַיין טַלִית פַאר אַ מַתָּנָה, (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קעב): "גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף מַיין טַלִית אוּן דוּ זָאלְסְט דָאס מְכַבֵּד זַיין, וַוייל אַזוֹיפִיל ווִיפְל הָאר דֶער טַלִית הָאט, אַזוֹיפִיל טְרֶערְן הָאבּ אִיךְ פַארְגָאסְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל ווִיסְן וָואס אִיז דֶער סוֹד פוּן טַלִית"; אַז מִיר וֶועלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן מִיר וֶועלְן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן וֶועלְן מִיר אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "אוֹיף צְוֵויי כִּתּוֹת מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נִישְׁט מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ מִיר אוּן אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן יָא גֶעוִויסְט פוּן מִיר אָבֶּער הָאבְּן מִיר נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, וַוייל אִיךְ וֵוייס אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען מֶען וֶועט לִיגְן מִיט דִי פוּס צוּם טִיר, דֶעמָאלְט וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ גְרוֹיס חֲרָטָה הָאבְּן פַארְוָואס עֶר אִיז נִישְׁט מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ מִיר אוּן פַארְוָואס עֶר הָאט מִיר נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, וַוייל אוֹיבּ וָואלְט עֶר גֶעוֶוען מְקוּרָב צוּ מִיר אוּן מִיר גֶעפָאלְגְט וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין דַרְגָא אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס עֶר וָואלְט נִישְׁט צוּגֶעקוּמֶען, אָבֶּער דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט נוּצְן, עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט".

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

## געדאנקען

משה ארי' שניצלער

# נישטא קיין צייט פאר הונדערטערס



וואס איז געווען די שלש סעודות תורה אין שטעטל שבת קודש פרשת נשא?

מ'האט גערעדט פון עטליכע וויכטיגע נקודות. איינס, אז א בעל עבירה איז משוגע (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סימן א'). און די צווייטע נקודה, אז פאר יעדן משוגע'נעם איז דא א היילונג (אויך דארט, ליקוטי מוהר"ן חלק א' סימן א').

אבער קודם לאמיר אייך ברענגען א קליין געשיכטעלע וואס האט זיך אפגעשפילט מיט ר' חיים קרעצליך, א איד מיט אלע מעלות. איין זאך האט אים געשטערט, ער האט געהאט פול מיט אויסשלאגן אויפ'ן קערפער, אויף די הענט און אויף'ן פנים און איבעראל, ס'האט אים געקראצט פון אלע זייטן, סי'געווען א פחד צו קוקן אויף אים.

ער האט שוין אלעס פרובירט, שוין געשמירט עלאו ווערא, קאקאנאט, אוועקאדאו, זענעפט, אונגבער, אש פון קוילן, טאמעיטעזאפט פון פוילן, שאלאכץ פון קאקאו, טחינה פון מאראקאו, בינען באקטעריע, חומוס פון סיריע, קעטשאפ פון עסטרייך, סוי סאוס פון פראנקרייך, ס'האט גארנישט געגוצט.

איז ער געגאנגען צו דעם געמאכטן בעל מקובל וואס האט נאך קיינמאל נישט געפילט א טעם אין געפילטע פיש (אן א ראפאגאש בילקע מיט כריין) אדער סושי (אן קיין ספייסי מעיא) און האט נאך קיינמאל נישט געזען קיין פאטעיטע טשיפס! (ער עסט עס ביים דרייוון ביינאכט אויפ'ן טרו-ווער, פונעם זעקל אין מויל אריין אן קוקן דערויף!) אבער חיים איז נאך אלץ נישט געהאלפן געווארן.

(דער געמאכטער בעל מקובל איז געהאלפן געווארן מיט חמש מאות זקוקין כסף צרוף, ועוד חמש מאות כנגדן פאר דעם געטרייען גבאי וואס איז מסביר אז ס'איז שוין נישט דא קיין אפוינטמענטס ביז דריי וואכן ארום).

איינמאל איז חיים אנגעקומען צו א גרויסן פראפעסאר, און ער האט אים געגעבן צו פארשטיין אז ערליידט פון א

מחלה וואס קען נישט ווערן געהיילט פון דרויסן, קענסט שמירן די הויט פון היינט ביז'ן בוידעם, דו האסט א שלעכטע באקטעריע וואס זיצט אין די קושקעס, און דארט איז די שורש פון דיין פראבלעם, דו מוזט פאר פעציג טעג נעמען מיין ספעציעלע שטויב וואס איז צאמגעשטעלט פון די זאפט פון זיבן ערליי בונדלעך וואס איז געווארן געקאכט פאר זיבן טעג אין זיבן קופערנע טעפ, דארפסט עס צאממישן מיט זיבן לעפלעך פון פרוכטזאפט פון זיבן ערליי פרוכט, דארפסט איינעמען זיבן לעפלעך יעדן טאג זיבן מינוט נאך זיבן, דערנאך דארפסטו זיך אראפזעצן אויף א בענקל פון איילבירט האלץ מיט זיבן פיסלעך, פאר זיבן שעה און זיבן מינוט און זיבן סקונדעס, און ביז פערציג טעג ביסטו א אויסגעהיילטער בעזר השם.

דער איד האט געטון די רפואה, די אינערליכע באטעריע איז געווארן אינגאנצן אויסגעמעקט, ער האט באקומען נייע הויט, קיין זכר פון די אלטע אויסשלאג.

דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן די שלש סעודות תורה מיט'ן פסוק פון די וואכעדיגע סדרה, פרשת נשא, איש איש כי תשטה אשתו. פון דעם פסוק דרש'ענען חז"ל אז אין אדם חוטא אלא אם כן נכנס בו רוח שטות.

אין היינטיגע טייטש זאגט מען עס אזוי, אז א מענטש קוקט עבירות, איז א סימן אז ער האט אין מח א קראנקע באקטעריע. דעם באקטעריע מוז מען היילן, ווילאנג די באקטעריע אין קאפ פון דעם וואס היט זיך נישט די אויגן איז נישט אדרעסירט, איז דער מענטש נאך אין א גרויסע סכנה.

אז א טאטע וועט באהאלטענערהייט וואוקכאפן זיין זון'ס שמוץ טעלעפאון אינמיטן די נאכט ווען זיין זון שלאפט, איז נאך נישט מוכרח אז דער זון וועט מער נישט האבן א שמוץ טעלעפאון.

אז א בחור וועט באקומען דעם זיסן טעם פון זאגן משניות, ענדיגן נאכאמאל משניות, און נאכאמאל משניות, אז ער וועט זען אז ער קען זאגן גמרא, ענדיגן א מסכתא, און נאך א מסכתא, אז ער וועט זען אז ער קען ענדיגן גאנץ ש"ס אין א קורצע צייט, וועלן די שלעכטע זאכן נישט זיין אינטערעסאנט ביי אים. ער וועט קוקן אויף דעם גלאנצעדיגן שמוץ טעלעפאון אזוי ווי ביל געיטס קוקט אויף א בינטל הונדערטערס. יא, די גאנצע וועלט ווערט משוגע פאר א בינטל פון הארטע קריספי הונדערטערס, אבער ביל געיטס האט אפילו נישט קיין צייט צו געבן א בליק דערויף. אז מ'זאגט משניות נעמט דאס צוביסלעך ארויס די משוגע'נע באקטעריע וואס דער שלעכטער יצר הרע פלאנצט איין אין א הייליגע אידישע נשמה

דער יצר הרע איז זייער גרויס, אבער דער רבי' איז נאך גרעסער. דעם רבינ'ס עצות ארבעט. ס'איז חי וקיים. אלע וואס פרובירן עס זאגן פה אחד: איך וועל נישט אויפגעבן מיין זאגן משניות פאר כל הון דעלמא.

מ'מוז נישט אנהייבן מיט אכצן פרקים, מ'קען אנהייבן מיט א קליין ברעקעלע.

דער ראש ישיבה האט געזאגט עטליכע מאל דעם יום טוב, כ'האב געהערט פון א אינגערמאן, א גאסט, וואס איז געקומען פון ארץ ישראל אויף יום טוב, ר' יוחנן שור נ"י, ער זאגט כ'האב קוים געהאט כח צו לערנען ערב שבועות, כ'האב געטראכט, לאמיך זאגן א טראפעלע משניות, ביזדערווייל האב איך געזאגט זעקס און צוואנציג פרקים. דאס איז די כח פון רבינ'ס דרך הלימוד, ס'ציט אריין מער און מער.

דער ראש ישיבה האט אויך אויסגערימט דעם סיום אויף תלמוד ירושלמי פון ר' אברהם אלי' פרידריך נ"י, דער ראש ישיבה האט געזאגט, געבט א קוק ווי מ'קען זיין א מענטש צווישן מענטשן, און מ'קען לערנען תורה, מ'קען האבן א ביזנעס און ענדיגן מסכתות איינס נאכ'ן צווייטן.

דעם צווייטן טאג יום טוב, נאך'ן ליינען די כתובה פון המקובל האלקי ר' ישראל נאג'ארא זכותו יגן עלינו, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז די כתובה קומט צו ווייזן אז א איד דארף זיין אזוי נאנט צו די תורה, אזוי ווי א מאן און ווייב.

אבער וואס טוט מען אין א פאל וואס מאן און ווייב זענען אין א שטיקל רוגזה, רחמנא ליצלן, מ'רעדט שוין נישט עטליכע טעג?

האט דער ראש ישיבה געזאגט, נו, פארוואס זאלסטו נישט יעדע וואך הערן א דרשה וואס פרישט אויף דעם רבינ'ס עצות?!

אין הכי נמי, דו ווייסט טאקע וואס מ'גייט רעדן ביים וועכנטליכע דרשה, נאכאמאל רעדן צום אייבערשטן, און נאכאמאל מכבד זיין די ווייב... אבער צו קען מען דען לעבן אן דאס הערן נאכאמאל און נאכאמאל? מה-דאך, מיט אלע דרשות וואס מ'הערט, איז עס נישט אזוי פשוט מיט די שלום בית... ווייל א מאן און ווייב זענען צוויי פארקערטע מענטשן, איז דאך אודאי אז אן הערן כסדר דרשות אז מ'מוז האבן שלום בית, איז דער מענטש אין א סכנה פון אריינפאלן אין א אפגעקילטע אויסגעלאשענע מהיכי תיתי'דיגע שלום בית...

דער ראש ישיבה האט אויך דערמאנט,



לגבי שלום בית, דעם באוואוסטן ווארט פון הייליגן רבי מאיר'ל פרעמישלאנער זכותו יגן עלינו (כ'מיין דאס איז געווען שבת צופרי ביי סיפורי מעשיות) "כף אחת", געב זיך איין בייג, זיי מוותר, "עשרה זהב", דאס איז ווערד צען גילדן, "מלאה קטורת", דו וועסט נאך זיין א גרויסער עושר, (קטורת איז עשירות). אויך האט דער ראש ישיבה גערעדט פון די קושיא פארוואס זאגט די תורה איבער אלע צוועלף נשיאים? די תורה וואלט געקענט זאגן די ערשטע נשיא, און נאכדעם שרייבן "אזוי איז געווען ביי אלע צוועלף", נאר לויט דעם רבינ'ס ווארט אין ספר המידות שטימט עס, ווייל דער רבי זאגט אז קרבנות הנשיאים איז מסוגל צו א זיווג, שלום בית איז דאך אויך א שידוך, און די קרבנות הנשיאים קומט ווייזן אז מ'דארף האבן געדולד צו רעדן שיין נאכאמאל און נאכאמאל, אפילו כ'האב שוין נעכטן גערעדט שיין, דארף איך היינט אנהייבן נאכאמאל.

כ'האב געטראכט צוצולייגן נאך א קנייטש צו דעם, פארוואס נשא איז די לענגסטע סדרה, ווייל די זאך פון רעדן שיין אינדערהיים איז דאך דער יסוד פון די גאנצע תורה, ווייל אן שלום בית איז די קאפ פון מענטש אינגאנצן צופארן, ער איז בכלל נישט דאהי, ער איז נעבעך פארנומען צו טראכטן ווער ס'האט א בעסערע לעבן פון אים רחמנא ליצלן, און אזוי, אינמיטן טראכטן וואס טוט זיך ביי יענעם, ווערט ער נעבעך נערוועז אויף זיין ווייב השם ישמרינו, און הייבט אן פראסקענען קינדער און ווארפן א פחד אויף די ארומיגע. דערפאר איז נשא די לענגסטע סדרה אין די תורה, ווייל דאס איז די וויכטיגסטע פרשה, אז מ'דארף נאכאמאל און נאכאמאל רעדן שיין, און דייקא דורך איבערזאגן אלע צוועלף נשיאים איז נשא געווארן די לענגסטע סדרה, ווייל אן רעדן שיין קען מען בכלל נישט לעבן.

312 ראבלינג סטריט אונטער וויזנער דריי גודס




ברוך השם אז ר' יעקב משה נ"י האט געברענגט פאר שבועות צום פארקויפן דעם וואנדערליכן ספר "אשר היה אל יואל", שיין געבינדן אין א הערליכן באנד, עס אנטהאלט פינעף און צוואנציג הערליכע דרשות אנגעהויבן פון שבת קודש פרשת דברים תשפ"ב, ביז די ערשטע צוויי שבתים פון תשפ"ג. דאס זיסקייט פון דעם ספר איז אין כדוגמתו, מ'קען עס נישט אראפלייגן פון די הענט.

צווישן אנדערן, דערציילט דער ראש ישיבה (דף ק"ה) איבער זיין סיפור התקרבות, ווי ר' יודל נרו יאיר האט אים געזאגט וועגן די שיינע ברסלב'ע שטיבל "היכל הקודש" וואס האט זיך דעמאלטס געפינען אויף 312 ראבלינג סטריט, צווישן סאוט אכט און סאוט ניינטע סטריט (זע בילד). און ווי מוהרא"ש זכותו יגן עלינו האט געזאגט פאר המפיץ ר' נתן יאקאבאוויטש שליט"א ער זאל גיין מארגן הפצה אין אונגווארער בית המדרש אויף זעכצנטע עווענױ, ווייל דארט זענען דא אינגעלייט וואס פארן אין קאנטרי און זיי דארפן חיזוק, אזוי האט ר' נתן געטראפן דעם ראש ישיבה שליט"א. דער ראש ישיבה האט דארט באקומען דעם ספר אשר בנחל חלק כ"ז (וואס מ'האט געדרוקט אין אינדיע, אויף א ביליגערן אופן, ס'איז געווען א קלענערע פארמאט, וואס גייט אריין אין טאש, איך האב דאס אויך געהאט, און אסאך געלערנט דערין ברוך השם.

דארט איז אויך דער באקאנטער בריוו, מכתב ד' אלפים שי"ט, וואס מוהרא"ש שרייבט פאר איינעם וואס מ'האט אים געזאגט אז ער האט בלויז עטליכע וואכן צום לעבן צוליב די ביטערע מחלה, השם ישמרינו, און מוהרא"ש איז אים דארט מבטיח אז אויב ער וועט אים פאלגן וועט ער טאנצן אויף די אייניקלעך'ס חתונות!).

אויך ווערט אראפגעלייגט דארט אין דעם הערליכן ספר "אשר היה אל יואל" (דף רי"ד) וואס עס האט זיך אפגעטון אין אומאן מוצאי שבת קודש נצבים תשפ"ב, ליל ערב ראש השנה תשפ"ג, דעמאלטס איז געווען די ערשטע מאל (אזוי מיין איך) וואס דער ראש ישיבה האט ארויפגערופן מערערע מסיימים אויף איינמאל.

הר"ר משה גראס שליט"א האט מסיים געווען תלמוד בבלי זיבן און צוואנציג מאל, און תלמוד ירושלמי פינף און צוואנציג מאל.

ר' יעקב משה אינדארסקי נ"י האט מסיים געווען די צענטע מאל תלמוד בבלי

ר' מנשה איצקאוויטש נ"י האט מסיים געווען די צוויי הונדערטסטע מאל ששה סדרי משנה

איינער האט מסיים געווען די זעכציגסטע מאל מסכתא תענית (יענער איז זייער נאנט צו מיר, יענער איז מיין זיידן'ס אייניקל, און גייט איבעראל וואו איך גיי, און טראכט וואס איך טראכט).

צוזאמען איז געווען דארטן אויפ'ן סטעידזש צוואנציג מסיימים, וואס האט באטראפן דריי הונדערט מאל ששה סדרי משנה! פופציג מאל תלמוד בבלי! 25 מאל תלמוד ירושלמי!

דאס איז דריי הונדערט טויזנט דפים גמרא!!!!

צוויי הונדערט טויזנט פרקים משניות!!!

און באלד וועט חיים קרעצמיך שרייען אז זאגן משניות איז געמאכט נאר פאר שוואכע, א מחי' צו זיין צווישן אזעלכע "שוואכע".

יעצט דארף איך שוין לויפן איינעמען פון די אנטי-משוגעים פילעכלעך וואס דער רבי רעדט דארט אין די ערשטע תורה אין ליקוטי מוהר"ן, איך מוז עמערדזשענסי גיין כאפן א פרק משניות.




*Deadline to advertise Sunday 12:00 PM*

# קלאסיפיידס

Office space to rent in the Vilage of Liberty
Call 347-461-2244











# מעשיות פון תפילה

## אלחנן זויבערמאן

צפת

איין אינדערפרי שטיי איך אויף און איך טרעף נישט מיין טעלעפאן. איך זוך און זוך און דער בחור איז נישטא.

האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס טרעפן. בשעת'ן בעטן דעם אייבערשטן האט מיין יצר הרע מיר געפרעגט "הערלאו, ר' איד, ביזט דא? וואס ווילסטו? דו ווילסט בעטן און עס פלוצלונג טרעפן פאר די אויגן?"

יא, איך בין פון די סארט מענטשן, ווייל פונקט דאס איז מיר געשען, ס'איז געלעגן אויף מיין בעט דארט וואו איך האב עס שוין אפאר מאל געזוכט...

## נחמן נתן קרויס

קרית ברסלב

א שטיק צייט צוריק האט מיין קאר האט אנגעהויבן מאכן פראבלעמען, ס'האט אנגעהויבן מאכן פארשידענע מיני קולות, און ס'האט זיך געשאקלט. ביז איין טאג האט עס אינגאנצן אויפגעהערט ארבעטן. איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל צוריק אנהייבן ארבעטן.

איך האב עס געטראגן צום מעקעניק און דער מעקעניק האט מיר געזאגט אז די ענדזשין איז טויט מען דארף לייגן א נייע, וואס דאס קאסט מינימום פינף טויזנט דאלער.

איך האב געהאט די פינף טויזנט דאלער אבער איך האב עס נישט געהאלטןביים ספענדן אויף די קאר. האב איך זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל אליין אנהייבן צו ארבעטן, אייבערשטער מאך א נס.

למעשה האט מיר מיין ברודער געזאגט אז אין בארא פארק איז דא א מעקעניק וואס קען עס מאכן פאר ביליגער ווי פינף טויזנט דאלער, האב איך אריינגעשיקט די קאר קיין בארא פארק מיט א תפילה אז איך זאל באקומען א וועג פאר בחינם עס זאל מיר נישט קאסטן קיין געלט.

איך קום אן קיין בארא פארק ווי דער מעקעניק האט מיר

געזאגט אז ער גייט עס אויסטשעקן. איך האב ווייטער געמאכט תפילות ער זאל עס קענען פאררעכטן פאר קליין געלט. אפאר טעג שפעטער האט ער מיר צוריקגערופן אז ער האט געטוישט די בעטערי און די אויל, און ברוך השם די קאר פארט א מחי'. ער זאגט מיר אז עס איז גארנישט מיט די ענדזשין, די אויל האט מען געדארפט טוישן, די בעטערי האט מען געדארפט טוישן און עס פארט א מחי'. ער האט מיר געבעטן פאר דעם ממש פענים, שכח אייבערשטער.

## ברוך נויסבוים

בני ברק

איך בין ארויסגעפארן קיין מירון ל"ג בעומר מוצאי שבת איינס א זייגער, אזוי ווי אסאך אידן האבן געטון אינמיטן האט פאליציי אפגעשטעלט, נאך א לענגערע משא און מתן, האבן זיי אונז צוריקגעשיקט א לאנגע וועג אויף צוריק. מיר זענען אריין געפארן אויף אן אנדערן וועג, און מיט אסאך תפילות זענען מיר אריבער נאך און נאך פאליציי בלאקן. ארום האלב אכט אינדערפרי האבן מיר זיך געטראפן אין צפת. מיר האבן אנגעהויבן גיין צופוס קיין אתרא קדישא מירון, דורך שביל 52.

מען איז געגאנגען כמעט א שעה, און מען האט זיך אפגעשטעלט אויף שחרית. דערנאך זענען מיר אנגעקומען נעבן צומת עין זיתים, וואס דארטןווארטן פאליציי, האבן מיר אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל קענען אריבערגיין, און ברוך השם אז די פאליציי איז נישט דארט געווען. נאך בערך צוויי שעה - ארום האלב צוועלף, זענען מיר שוין געווען אינטער מירון. למעשה נאך אפאר גוטע מינוטן, האבן זיי אונז באמערקט, און מיט גרויס שמחה האבן זיי אונז ארויסגעשלעפט אינדרויסן. זיי האבן אונז ארויסגעשלעפט נעבן ציון רבי המנונא סבא, דארטן האבן זיך פארזאמלט צוביסלעך נאך געכאפטע אידן, וואס האבן בסך הכל געוואלט אנצוקומען צו רבי שמעון. די זעלנער'ס זענען געשטאנען נעבן אונז אז מיר זאלן חס ושלום נישט דערוואגן אנטלויפן. מיר האבן געדאווענט און זיך מתבודד געווען קרוב צו א האלבע שעה אויף הר מירון.

למעשה נאך א האלבע שעה, נאך וואס זיי האבן געהאט געטוג קרבנות, האבן זיי געברענגט א באס, וואס ביי די ערשטע פלעצער זענען געזיצן פאליציי מענטשן, לכל צרה שלא תבוא..., די באס האט אנגעהויבן צו פארן, און געטראגן א גוטע

מהלך אוועק, נאך צומת אליפלט, נאך אסאך ווייטער פון צפת.

אזוי אינמיטן עפעס א ראוד האבן זיי אונז אראפגעלייגט. מיר האבן פרובירט צו כאפן א היטש צו א מקום ישוב, און א איד שטעלט זיך אפ נעבן מיר און זאגט אז ער פארט קיין צפת. בין איך געפארן מיט אים קיין צפת. דארטן זענען געווען פארזאמלט א גרויסע ציבור אידן וואס האבן פרובירט צו קומען קיין מירון. איך בין דארט אויף אויף א באס קיין נהריה, וואס שטעלט זיך אפ אין גוש חלב, וואס דארטן איז נאנט קיין מירון. אבער זיי זענען גלייך ארויפגעקומען, און מיט רציחה אראפ גענומען יעדן חרדי'שער איד וואס האט נישט געקענט באווייזן אז ער וואוינט אין נהריה.

בין איך אזוי געזיצן אויפן באנק ביים סטאפ, פארמאטערט, אויסגעמוטשעט, און געבעטן דעם אייבערשטן אז איך וויל זיין ביי רבי שמעון. תוך כדי וואס איך רעדט צום אייבערשטן זע איך אריבער פארן אן אמבולאנס וואס איך קען דעם דרייווער, א בני ברק'ער איד. ער האט מיר געוויזן איך זאל אריינגיין דורכן אינטערשטן טיר.

אלע וואס זענען געזיצן דארטן האבן געגאסן תפילות א גאנצע צייט מען זאל קענען אריינגיין. למעשה ביים הויפט אריינגיין קיין צומת מירון האבן זיי נישט געלאזט אפילו פאר אן אמבולאנס. זענען מיר געפארן קיין גוש חלב, איין פאליציי חברה זענען מיר אריבער בשלום, אבער ביים צווייטן האט גארנישט געהאלפן. מיר האבן געדארפט פארקן און גיין צו פיס

צוזאמען זענען מיר געגאנגען אין די פעלדער פון מירון. בחסדי השם יתברך, בערך זעקס דרייסיג נאכמיטאג, נאכן קלעטערן זיבעצן שעה, האב איך איבערגעטרעטן אתרא קדישא מירון. איך בין גלייך געלאפן צום קארלסבורגער הויף, אויפן וועג זענען אריבער פאליציי אבער אין דָארף האבן זיי שוין גארנישט געטון. אין קארלסבורג האב איך געטראפן דעם ראש ישיבה שליט"א, איך האב געקענט זיין ביים הדלקה און טאנצן און טאנצן.

דערנאך האב איך זוכה געווען ארויף צו גיין צום ציון הקדוש, וואס איז שוין געווען דאן געווען אפען, און זיך געקענט גוט אויסגיסן דאס הארץ מיט גרויס שמחה.

שפעטער האט מיר דער אייבערשטער געשיקט א פיינע וועג צוריק קיין בני ברק מיט איינעם פון אנשי שלומינו, מה אשיב לה' כל תגמולוהי עלי, מען זאל האבן גע'פועל'ט אלעס גוט'ס פאר אונז און פאר גאנץ כלל ישראל, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן

# שבועות אין שטעטל

## (חלק ד')






ישראל דוד העסקעל

**קורצן פון פריער:**

אין איך בין אראפּ צו די אמעריקאנער אמבאסאדע צו באנייען מיין פאספארט, באגלייט מיט א הייסע תפילה אז ס'זאל גיין געשמירט אריין און ארויס...

שכח אייבערשטער אז דארט ביים אמבאסאדע אפּוינטמענט האבן זיי מיר געוויזן אז איך האב זיך טועה געווען מיטן דאטום, און מיין פאספארט איז גוט פאר נאך א יאר - אריין און ארויס. שכח אייבערשטער.

שכח באשעפער אז א וואך דערויף בין איך שוין געזעסן מיט מיין משפחה אויפן פליגער. מיטן אייבערשטן'ס הילף האבן מיר געלאנדט בשעה טובה און זיך געטראפן אינעם אנגעפאקטן טערמינאל 7 פון JFK, און נאך גאר אסאך תפילות האבן מיר זיך ענדליך געטראפן זיצענדיג אין די קאר אויפן וועג צום שיעור.

שכח אייבערשטער פאר דעם הערליך שיינעם יום טוב שבועות וואס איז אריבער מיט אזוי פיל חיזוק, מיט גוטע געשמאקע שיחות חברים, ממש מעין עולם הבא.

זונטאג אינדערפרי אסרו חג קום איך אריין אין שול דאווענען, און איך זעה דארט ביים עק שול ווי אלע טלית בייטלעך ליגן, ליגט אלעס שיינערהייט. ס'איז צונעמען די שיינע שבועות חופה פון די בימה.

דאס איז עס - כאפּ איך א ציפּ, ס'איז געענדיגט, שבועות איז אריבער און באלד



דארף איך שוין זיין אויפן וועג צום עירפּארט, צו פארן די פארקערטע זייט ווי מיין הארץ ציט!

צו וועל איך נאך אמאל זוכה זיין צו קענען זיין שבועות אין שטעטל? וועל איך נאך אמאל זען די שיינע חופה אויפן בימה? וועל איך נאך אמאל זוכה זיין צו קענען זיין א שבועות מיט דער ראש ישיבה?

מיט אלע כוחות האב איך פּרובירט אוועקצושטופּן די אומבא'טעמ'טע מחשבות, אבער - ריעלעטי!!!!

ס'ליגט מיך נאך גוט אין די ביינער די טרערן וואס האבן זיך אראפּגעקייקלט מיינע בעקעלעך אן פרעגן, אויפן וועג צוריק צום עירפּארט. איך האב מיך ממש געצוואונגען צו דריקן דעם פּעדל אז די קאר זאל פארן...

אבער אין לעבן טוט מען נישט וואס מ'וויל מ'טוט וואס איז ריכטיג, מ'טוט וואס איז רצון השם, צו איך וויל יא צו נישט זעמיר

געזעסן אויפן פליגער צוריק "אהיים" קיין לאנדאן... יוש...

**דרייצן חדשים שפעטער....**

דער פאנדרעיזער פון בית הדפוס לייבי ראטה נרו יאיר קלינגט מיר אריין - יא? "דער ראש ישיבה גייט מארגן טיילן אשר היה אל יואל נאכן דף שיעור".

ווען גייט זיין די דף שיעור? - 8:00

געוואלדיג, שכח אייבערשטער. שכח לייבי פאר מיך קאלן.

איך האב אנגעשטעלט דעם וועקער זייגער אז איך זאל קענען דאווענען אין די 7:00 מנין און קענען מיטן אייבערשטן'ס הילף נאכדעם מיטהאלטן דעם דף שיעור פון דער ראש ישיבה.

6:56 שפאציר איך אריין אין שול נאך די מקוה, און דארט ליגט עס אויפן בימה - די הערליכע אויסגעשניצטע האלצענע שבועות חופה איך בין געווארן אזוי איבערגענומען פון התרגשות, דער אייבערשטער איז אזוי גרויס!!!

ווער האט געגלייבט? יא די זעלבע שטאנגען פון דארט ביי די זייט ביים עק שול וואס מיין געוויסן האט מיר מיט א קלארקייט געזאגט אז מער וועל איך איר שוין נישט זען, שטייט אויפן בימה מיט איר פולסטן פראכט - שכח אייבערשטער!!!! טאטע ביסט אזוי גוט צו מיר, נאר חסדים טוסטו מיט מיר, אייבערשטער איך האב דיך אזוי ליב!!!

די דאווענען נאכדעם האט שוין פארמאגט אלע טעמים, נאכדערצו אז דער ראש ישיבה האט אויך דעמאלט געדאווענט, ס'איז געווען ממש א מחי'!

נאכן דאווענען זענען מיר ארויף צום "גן עדן התחתון" וואו דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט דעם דף, וואס ווער ס'האט שוין מיטגעהאלטן א דף שיעור פונעם ראש ישיבה ווייסט די זיסקייט וואס די גמרא באקומט, ווי אזוי פון יעדער שטיקל גמרא געבט דער ראש ישיבה א קוועטש אויס אביסעלע חיזוק פאר אונז אויף לעובדא ולמעשה, אזש די גאנצע גמרא לעבט.

דער ראש ישיבה איז אנגעקומען צו א שטיקעלע גמרא וואס איז מיר זייער היימיש געווען, דער ראש ישיבה שטעלט זיך אפ און זאגט אז בלויז אויף צו קענען אנקומען צו דעם שטיקלע גמרא מיט די רש"י לוינט זיך שוין דורכצוגיין ש"ס אזא לעכטיגע גמרא!

דף קו. פרעגט די גמרא א קשיא אויב האט א מענטש פארדינגען זיין פעלד פאר א חוכר (איינער וואס בעארבעט א פעלד און נעמט באצאלט האלב פון וואס וועט וואקסן) און זיי האבן אפגעשמועסט אז ער גייט איינפלאנצן ווייץ. למעשה איז דער חוכר געגאנגען און איינגעפלאנצט גערשטן און ס'איז געקומען א שידפון (א בייזער ווינט) און קאליע געמאכט אלעם וואס איז געוואקסן, צו קען דער בעל הבית זאגן אז דאס האט פאסירט ווייל דער חוכר האט איינגעפלאנצט גערשטן, ווייל ער דער בעל הבית האט ראש השנה מתפלל געווען אז ס'זאל וואקסן גוטע ווייץ,און דער חוכר האט געפלאנצט גערשטן.

די גמרא פירט אויס - און דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט - אז אזוי ווערט טאקע גע'פסקנ'ט להלכה אז דער בעל הבית קען קומען מיט דער טענה.

רש"י איז מסביר ווייל אלעס וואס א מענטש בעט ראש השנה באקומט ער!

פארוואס בין איך אזוי היימיש מיט דעם שטיקעלע גמרא?

ווייל פאר דריי יאר צוריק ערב ראש השנה האב איך געקלונגען מיין טאטע אנווינטשן א גוט יאר, זאגט מיט מיין טאטע אז ער האט יעצט געהערט אויף א שיעור פון המשפיע רבי אלימלך בידערמאן שליט"א אז ס'איז דא א רש"י אין מסכת בבא מציעא דף קו אז וואס א מענטש בעט ראש השנה באקומט ער!

איך האב עס נאכגעקוקט און ס'האט מיך זייער געכאפט, ס'נישט עפעס א פויגל'דיגע מימרא פון איינער ווייס איך ווער וואס האט אדער יא אדער נישט געזאגט... ס'איז אן אפענע רש"י! וואס מ'בעט פונעם אייבערשטן ראש השנה גייט מען באקומען!

יענעם ראש השנה האב איך די גאנצע צייט ביים דאווענען געטראכט פון דעם רש"י און נאכנישט זייענדיג מקורב צו א צדיק איז מיין גאנצע השגה פון בעטן ראש השנה געווען פאר עשירות, איך האב זייער געבעטן דעם אייבערשטן אז איך וויל האבן גרויס עשירות!



דער ראש השנה איז אריבער און כמעט די גאנצע יאר איז אריבער, איך בין אויפן וועג קיין אומאן צום ערשטן מאל, מיינע געפילן רינען איבער, מיין הארץ בענקט, איך קום אן אין פולין צו פארן מיטן טרעין מיט אנשי שלומינו, איך האב קיינעם נישט געקענט, איך האב פרובירט צו שמועסן מיט וועמען איך האב נאר געזען...

דארט זיצנדיג אינעם בעיסמענט פונעם האטעל אריינכאפנדיג פרקים משניות, דערמאן איך זיך פון מיין פריערדיגע ראש השנה... און איך הייב אן טראכטן הממם... כ'מיין שכח אייבערשטער אז איך קום נישט קיינעם קיין געלט, אבער נישט דאס מיינט דער עשירות וואס איך האב אזוי' תמימות'דיג געבעטן ביים אייבערשטן אז איך קען מיך קוים קוים דעקן...



אזוי דארט זיצנדיג געב איך מיך א כאפ איך האב טאקע נישט געהאט קיין השגות אבער דער אייבערשטער האט מיך געגעבן ממש וואס איך האב געבעטן, "עשירות אבער נישט סתם"... עשירות, וואס קיין שום געלט קומט נישט צו צו דעם, איך האב זוכה געווען צו קענען מקורב ווערן צו א צדיק, און קוים צוויי חדשים האב איך דריי מאל געענדיגט ששה סדרי משנה! געמאכט שעות התבודדות זוכה געווען צו טרעפן א וועג צו קענען לעבן מיטן אייבערשטן, שלום בית, די זיסע עצות וכו' וכו' וכו' ווער איז א גרעסערער עושר פון מיר?

אין אומאן האב איך עס פארציילט פאר דער ראש ישיבה, דער ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט דערפון, און פרייטאג צונאכטס ביים באטע אין אומאן האט דער ראש ישיבה פארציילט די מעשה ברבים.

נאכן דף שיעור האט דער ראש ישיבה פארטיילט די נייע ספר "אשר היה אל יואל" פאר אלע וואס האבן געגעבן געלט עס צו קענען דריקן.

דער ראש ישיבה האט געעפנט דעם ספר און געזאגט אז דער ספר וואו דו וועסט עס נאר עפענען וועסטו גראד זען א ווארט חיזוק, א גוטע עצה, א וועג פאר דיך אין דיין מצב צו קענען אנגיין. דער ראש ישיבה האט טאקע עטליכע מאל געעפנט דעם ספר אויף וואו ס'האט זיך נאר געעפנט און גראד פארגעלערנט א שטיקלע חיזוק א גוטע עצה.

דער ראש ישיבה האט אנגעוויזן אויף א אינגערמאן וואס איז געווען דארט וואס האט געפרעגט דעם ראש ישיבה אז אזוי ווי ביי זיין משפחה גייט מען מיט שווארצע זאקן אינדערוואכן, און ער האט אלס בחור עס אויסגעטון אויב מעג ער עס יעצט צוריק אנטון?

דער ראש ישיבה האט געזאגט אדרבה ואדרבה, זיכער זאלסטו גיין אזוי ווי דיין משפחה. מענטשן זאגן אז מ'קומט קיין ברסלב לאזט מען אפ די מסורה, אבער ס'איז נישט ריכטיג, אדרבה דער רבי געבט דיר א וועג ליב צו האבן דיין מסורה און עס טון מיטן אייבערשטן.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז אמאל ווערן די סארט זאכן אריינגעלייגט אין די קינדער נישט געזונט מ'צווינגט עס ארויף אויף נישט א ריכטיגער וועג, דערנאך ווען די קינדער ווערן עלטער ווילן זיי זיי דאס נישט, אבער אז א מענטש ארבעט אויס די אינגע בלוט און לעבט מיטן אייבערשטן, וויל ער צום סוף צוריקגיין אזוי ווי זיינע עלטערן אויף א געזונטע וועג.

איך האב זוכה געווען צו זיין תיקון ליל שבועות ביים ראש ישיבה. עס וועט מיר זיין זייער שווער ארויסצוברענגען אויף פאפיר די געפילן דערפון, אבער איך וועל פרובירן מיין בעסטע...

דער ראש ישיבה האט געמאכט א קליינע הקדמה פארן אנהייבן דעם תיקון אז מיר פירן זיך ווי אזוי' מוהרא"ש האט אוועקגעשטעלט, אז מ'זאגט נאר די עיקר תיקון, דאס הייסט די ערשטע און לעצטע פסוק פון אלע פרשיות און ספרים פון תנ"ך און דערנאך תרי"ג מצות.

צווישן אלע ספרים פון חומש האט מען געזונגען געשמאקע ניגונים די גאנצע עולם צוזאמען, דערנאך האט מען ווייטער געזאגט.

פאר תרי"ג מצות האט דער ראש ישיבה נאכאמאל גערעדט אפאר ווערטער און געזאגט אז א מענטש גייט ארום מיט א דמיון 'איך גיי זיכער פלאקערן אין גיהנום', אבער מיר גייען יעצט דורכגיין די תרי"ג מצות קוק גוט וועסטו זען אז דו האסט מקיים געווען אלע מצות עשה'ס (די וועלכע זענען שייך פאר אונז, די אנדערע

אויב לערנט מען די הלכות) און נישט עובר געווען אויף קיין שום לא תעשה'ס - אדרבה זעה אויב קענסטו טרעפן איין זאך אפילו וואס דו האסט עובר געווען... ס'איז גארנישט דא! ביסט דאך א לעכטיגער איד, גייסט דאך גיין גראד אין גן עדן. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז פון זאגן די תרי"ג מצות אליין קען מען זיך אזוי מחי' זיין!

נאך יעדע 100 מצות האט מען געזונגען אינאיינעם גאר לעבעדיגע ניגונים, געפאטשט און געטאנצט אי אי אי אי איך בין א איד!

מ'קען נישט אראפ שרייבן די הרגשים וואס מ'האט דעמאלט געשפירט - אלע טעמים!

איך האב געהאט א לאנגע וועג אהיים בערך 45-50 מינוט, אזוי ווען ביז איך בין אריין אין בעט איז שוין געווען 4:30 פארטאגס... איך האב זייער געוואלט קענען דאווענען שחרית מיט דער ראש ישיבה, און נאך אריינכאפן אויך דעם שיעור פארן דאווענען, אבער זעענדיג דעם זייגער בין איך נישט געווען זיכער אויב דאס איז בכל מעגליך...

איך פאק זיך אריין אין בעט, איך עפן אויף דעם עצתו אמונה, און הייב אן ליינען דעם לאנגן בריוו וואס דער ראש ישיבה האט געשריבן, באשריבן די גאנצע נסיעה קיין ארץ ישראל. איך ליין ווי דער ראש ישיבה שרייבט אז ער איז געווען זייער פארמאטערט אבער ער האט שטארק געוואלט אויפשטיין דאווענען וותיקין האט ער געבעטן דעם אייבערשטן אז ער וויל אויפשטיין.

פאר מיר איז דאס געווען ממש וואס איך האב געדארפט, איך האב אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן אז איך וויל אויפשטיין



גענוג פרי נאך צו קענען זיין ביים זוהר שיעור.

שכח אייבערשטער אז איך בין טאקע אויפגעשטאנען גענוג פרי און געקענט אנקומען צום שיעור פארן דאווענען.

דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט זוהר הקדוש. נאכן שיעור האט דער ראש ישיבה געפרעגט מו"ה אייזיק אפפעל הי"ו ווי לאנג עס נעמט אים די וועג, האט ר' אייזיק געענטפערט בערך א שעה און פופצן מינוט!

דער ראש ישיבה האט נאכגעזאגט די שיחה פון רבי'ן וואס האט געזאגט אז ער בענקט זיך צו די ליכטיגקייט פון די וועגן וואס עטץ קומט צו מיר!

נאכדעם איז דער ראש ישיבה אריין אין א שמועס וואס מיינט נחת פון די קינדער, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מענטשן מאכן א טעות, מ'מיינט נחת מיינט אז אלע קינדער קוקן אויס ווי א בילד, אזוי ווי יעדער משל'ט זיך אויס, און אויב א קינד טוט זיך אן א טייטש העמד אדער רויטע שיך בענדלעך מיינט מען אז מ'האט שוין נישט קיין נחת חס ושלום... נחת מיינט אז מ'האט קינדער וואס גייען מיט פיאות, וואס טוען אן די הייליגע תפילין, דאס איז נחת. נישט אז ביים מצוה טאנץ זאלן אלע קינדער אויסקוקן אייניג...

דער ראש ישיבה האט געפרעגט וואס מ'האט געזען אין די לאנגע בריוו, האט איינער געזאגט אז אים האט געכאפט דאס וואס דער ראש ישיבה האט געשריבן, ער האט געזאגט פאר די לערערינס אז ס'איז נישט ריכטיג צו לערנען מיט די מיידלעך שלא עשנו גוי - איך גיי נישט מיט א שייטל און איך שמיר מיך נישט...

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז עס האט אים זייער ווי געטון אז מ'לערנט נישט ריכטיג! א פרוי מיט א שייטל איז א גוי? א פרוי וואס שמירט זיך די ליפן איז א גוי? מ'קען נישט פאפן קינדער! אז מ'וועט זיי פאלש לערנען, און ווען זיין וועלן אויפוואקסן און זען אז מ'האט זיי אפגענארט, קענען זיי חלילה אלעס אפלאזן ה"י. נאר וואס דען, מ'דערף עקסטער רעדן פון די שיינקייט פון צניעות און עס אריינליגן מיט ליבשאפט.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז זיין באבע טייטלבוים האט זיך אנגעטון א טיכל ביי די זיבעציג אבער היינט אויב א אינגע ווייבל וויל נישט אנטון גלייך א טיכל

פילט א מענטש אז ער האט שוין נישט קיין נחת.... וואס איז? ווען זי וועט ווערן עלטער וועט זי אויך אנטון...

דערנאך האט דער ראש ישיבה געזאגט אז די סיבה פארוואס ער האט געשריבן די לאנגע בריוו איז ווייל מענטשן זאגן אז עצתו אמונה איז יעדע וואך די זעלבע זאך, נאכאמאל פון סדר דרך הלימוד נאכאמאל פון רעדן שיין אין שטוב, במילא האב איך אביסל ארומגעטוישט, דאס מאל וועל איך דיר זאגן אז איך בין געקומען און געגאנגען, עס וועט דיר זיין אינטערעסאנטער צו ליינען, און אזוי וועל איך דיר אריינברענגען שלום בית מיטן דרך הלימוד און אזוי אלע זיסע עצות פון הייליגן רבי'ן.

ביים קידוש נאכן דאווענען האט דער ראש ישיבה געזאגט אז מ'פירט זיך צו זאגן א קרעפל פשעטל, קרעפלעך זע איך איז נישט דא... אבער די פשעטל קען מען זאגן.



דער ראש ישיבה האט געזאגט אז די וועלט זאגט, ווען מ'עסט קרעפלעך קלאפט מען - ערב יום כיפור קלאפט מען על חטא, השענה רבה קלאפט מען הושענות, פורים קלאפט מען המן, איז נאר געבליבן א קשיא וואס קלאפט מען שבועות? נאר שבועות קלאפט מען דעם יצר הרע מיט די הייליגע תורה, דורך דעם וואס א מענטש לערנט די הייליגע תורה קלאפט ער זיין יצר הרע.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז פאר ווער עס דארף א פשעטל ס'זאל שטימען האמיר טאקע אויך דאס, מ'האט עס געמאכט שטימען זייער שיין, אבער די פשעטל איז נישט די זאך, נאר וואסערע לימוד פאר מיר נעם איך ארויס פון דעם.

דערנאך האט דער ראש ישיבה ארויפגערופן אלע וואס האבן געמאכט סיומים, ס'איז געווען אן אויסנאם קידוש השם ווי אזוי אינגע קליינע קינדער מיט עלטערע אידן זענען געקומען מאכן סיומים, א קהילה ווי יעדער איינער האט א שייכות מיט די הייליגע תורה יעדער איינער לערנט די תורה אלע מאכן סיומים ס'איז געווען זייער דערהויבן.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געזאגט אז עס שטייט אז ביי מתן תורה זענען די אידן צוריק געפלויגן י"ב מיל נאך יעדע דיבור. דאס איז מורא'דיגע התחזקות פאר אונז אז די אידן ביי מתן תורה האבן געהערט א דיבור פונעם אייבערשטן און גראד זענען זיי אוועקגעפאלן, נאר די מלאכים די צדיקים האבן זיי געדארפט צוריק ברענגען צום אייבערשטן. די זעלבע איז ביי אונז, א מענטש הערט א דיבור פונעם אייבערשטן אן עצה צום לעבן, ער כאפט א התעוררות, אבער ער זעט אז גראד פאלט ער אראפ, דארף מען וויסן אזוי גייט עס, מ'דארף אויפזוכן א צדיק זאל דיך צוריקברענגען צום אייבערשטן.

דעם צווייטן נאכט יו"ט ביים גיין שלאפן האב איך נאכאמאל זייער געבעטן דעם אייבערשטן אז איך וויל אויך דעם צווייטן טאג יו"ט קענען אויפשטיין פרי דאווענען מיט דער ראש ישיבה און קענען אנקומען אין שול נאך גענוג פרי צו קענען זיין ביים שיעור פארן דאווענען. שכח אייבערשטער אז איך בין אויפגעשטאנען גענוג פרי און איך האב נאך געקענט אריינכאפן דעם שיעור פארן דאווענען.

נאכן פארלערנען זוהר האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ס'האט אים געקוועטשט א קשיא, וואס איז פשט פון דעם אז דער אייבערשטער האט געמוזט אויפהייבן דעם בארג און סטראשען די אידן אז זיי נעמען אן די תורה איז גוט אבער אויב נישט וועלן די אלע דא באגראבן ווערן אונטערן בארג, וואס האט דאס אויסגעפעלט? די אידן האבן דאך געזאגט אז זיי ווילן די תורה! נאר פשט איז דער אייבערשטער האט געוואלט וויזן פאר די אידן אז די תורה גייט נאר צוזאמען מיט דיסציפלין, אָן דיסציפלין אָן דרך ארץ איז גארנישט דא. די וועלט מיינט אז דיסציפלין קומט פון די גוים, ס'איז נישט ריכטיג, דיסציפלין איז א הייליגע זאך.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ס'איז דא א בריוו וואס דער ריי"ץ האט געשריבן פאר זיין טאכטער אז ביי א צדיק מוז זיין "דיציפלין". זעט מען אז דאס איז א הייליגע זאך.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ס'איז דא זייער א שווערע קשיא עס שטייט אז כל המלמד את בן חברו תורה איז כאילו ילדו - ווער עס לערנט מיט איינעם תורה איז כאילו ער האט אים געבוירן ער ווערט ווי א טאטע. שטעלט זיך א מורא'דיגע

קשיא עס שטייט אז ווען א מענטש גייט אויפן גאס און טרעפט א פארלוירענע חפץ פון זיין טאטע און פון זיין רבי מוז ער קודם צוריק טראגן די פארלוירענע זאך פאר זיין רבי, קומט אויס אז א רבי איז העכער פון א טאטע, אויב אזוי פארוואס זאגסטו אז אויב לערנט מען מיט איינעם תורה ווערט מען אזוי ווי זיין טאטע, קומט אויס אז מ'ווערט קלענער?! נאר ס'איז דא א תשובות מהרש"ג אז דאס וואס די חז"ל זאגן כל המלמד את בן חבירו תורה כאילו ילדו איז נישט עפעס א חיזוק זאך, א קאמפלימענט, נאר הלכה למעשה מ'איז יוצא מיט דעם פריה ורביה!

דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר מו"ה יודל דעפריס הי"ו אז זיין זוהן מו"ה חיים ישעיה הי"ו האט דאס נאכגעזאגט ביי די סעודה און איך בין זייער נתפעל געווארן פון דעם וואס אן ארבייטער זאל זיין אזא בקי אין תשובה ספרים. דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר ר' יודל אז ער האט גאר חשובע קינדער.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז חיים ישעיה ארבייט אין קאנסטרוקציע ביי די האלצער ברידער און לעצטנס האבן זיי געדארפט אנהייבן א ריזיגע דזשאב אין אפסטעיט ביי איינעם וואס הייסט אין די גאס גאר א חשובער און אנגעזעענער מענטש (דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער גייט נישט זאגן די נאמען ווייל ס'איז לשון הרע). אבער אזוי ווי די ברידער זענען אנגעקומען צום דזשאב האבן זיי געטראפן דעם אזוי גערופענעם חשובער איד רעדן ניבל פה, האבן זיי אים גראד געזאגט אז קען זיך טרעפן א צווייטן קאמפעני, זיי האנדלען נישט מיט איינעם וואס רעדט ניבול פה! יענער האט זיך זייער דערשראקן און פרעגט זיי "עטץ זענט אויך פון דער ראש ישיבה'ס מענטשן?..."

דערנאך האט דער ראש ישיבה פארציילט די מעשה וואס איז געווען ביים פאלטישאנער רבי זי"ע נאכן קריג אין וויליאמסבורג, עס איז געווען סוכות, אין אמעריקע איז דעמאלט געווען איינגעפירט אז נאר די שול האט פארמאגט א סוכה, און יעדער האט דארט געמאכט א לישב בסוכה, און נאכדעם אהיימגעגאנגען עסן די סעודה. דער פאלטישאנער רבי האט אבער יא געוואלט מאכן אן אייגענע סוכה ער האט זיך נישט געוואלט אוועקרירן אפילו פינטעלע פון זיין אידישקייט, האט ער טאקע געמאכט ביי זיך אין שטוב א סוכה. ער איז געקומען פון פולין פון גאליציע, ער האט קיינמאל נישט געהערט פון סאטמאר רב וואס איז געקומען פון אונגארן, אבער גאנץ סוכות האבן די אמעריקאניזירטע אידן אים געשטויסן די סוכה און געשריגן "דו סאטמארער"! נאך סוכות איז ער טאקע געגאנגען אויפזוכן דעם סאטמאר רב און געוואלט זיין א תלמיד פון אים, ווייל אויב זיין אן ערליכער איד אין אמעריקע מיינט א סאטמארער וויל איך אויך זיין א סאטמארער.

לענינינו האט דער ראש ישיבה אויסגעפירט, אויב נישט רעדן ניבול פה מיינט אז מ'ווערט פון דער ראש ישיבה'ס מענטשן זאלן אלע וואס ווילן א פלאץ וואו קיינער רעדט נישט ניבול פה אהער קומען.

ביים קידוש דעם צווייטן טאג האט דער ראש ישיבה געזאגט א טעם פארוואס מ'עסט מילכיגס שבועות ווייל ביי מילך זעט מען גאר אן אינטערעסאנטע זאך, אז מילך איז פארן זיין מילך געווען בלוט און די בלוט ווערט נאכדעם מילך, זאגן חז"ל אז ס'הייסט א נייע בריאה און מ'מעג עס טרינקן אפילו ס'איז געווען אמאל בלוט. די זעלבע איז ביי א מענטש א מענטש קען זיך אייביג צוריק באנייען און תשובה טון און ער ווערט א נייע בריאה, דער אייבערשטער ווישט אוועק די גאנצע עבר.

ביי נעילת החג האט דער ראש ישיבה נאכאמאל גערעדט פון די חיזוק פון דעם וואס די אידן זענען צוריקגעפאלן י"ב מיל, אזוי גייט עס נאכן הערן א דיבור פונעם אייבערשטן פאלט מען צוריק אבער די צדיקים ברענגן אונז נאכאמאל צוריק צום אייבערשטן. אזוי גייט עס היינט יעדער



איינער דארף א סופָּארט גרופּ, אונז האבן אויך א סופָּארט גרופּ מ'איז נאכאמאל און נאכאמאל מחזק מיט די עצות נאכאמאל קומט מען צו א שיעור הערן די זעלבע דיבורים, נאכאמאל און נאכאמאל רעד שיין אין שטוב שריי נישט אויף דיין ווייב אונז האבן א געהעריגע סופָּארט גרופּ...

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מענטשן קומען זאגן פאר דער ראש ישיבה אז זיי זעען דער ראש ישיבה'ס אינגעלייט פון שטעטל סוקסעספולע חברה אינגעלייט וואס אלץ בחור האבן זיי אויסגעקוקט אזוי שלימזל'דיג, האבן זיך אזוי סוקסעספול וועקגעשטעלט, זיי קויפן הייזער ממש עכט סוקסעספול. מענטשן האבן נישט קיין שכל מ'מיינט אז סוקסעספול מיינט אז מ'קויפט א הויז, דער ראש ישיבה האט געזאגט איך האב געהאט א זיידע הרה"ח ר' אלחנן חיים טייטלבוים זצ"ל וואס זיין גאנץ לעבן איז ער געווען א טענענט ער האט קיינמאל נישט געקויפט א הויז, קומט אויס אז ער איז נישט געווען סוקסעספול... איי ער האט איבערגעלאזט דורות קינדער און אייניקלעך תלמידי חכמים און דיינים, אבער ער האט נישט פארמאגט אן אייגן שטיקל לאנד...

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז א אינגערמאן אין שטעטל איז אים געקומען זאגן אז ער וואוינט שוין דא צוויי יאר און מ'האט אים נאכנישט געגעבן א הויז ער מופט אוועק! דער ראש ישיבה זאגט איך האב אים געזאגט אדרבה אויב דיר קומט אויס בעסער צו וואוינען ערגעץ אנדערש גיי וואוין וואו דיין הארץ באגערט אבער פארדעם ביסטו געקומען וואוינען אין שטעטל פאר די הויז? די שיינקייט פון שטעטל איז נישט די הויז... דא איז דא א חדר א סקול וואו מ'שלאגט נישט און ציפט נישט די קינדער, דא קען מען לעבן פשוט אן חובות פארדעם קומט מען דא וואוינען...

אבער אויב ווילסטו גיין, אדרבה דו קענסט גיין וואו דו ווילסט. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מ'זאל שרייבן אינעם בלעטל בולעטין אזוי ווי מ'שרייבט "ברוכים הבאים" זאל מען אויך שרייבן א "צאתכם לשלום" פאר אלע וואס מופן אוועק אפשר אזוי וועט מען אויפהערן שרייען אז ס'איז א קולט....

פרייטאג צופרי האב איך אויך זייער שטארק געוואלט אויפשטיין פרי צו קענען זיין ביים דף שיעור אבער איך האב געמיינט אז איך דארף שוין נישט בעטן דעם אייבערשטן אז איך וויל אויפשטיין ווייל איך האב דאך א וועקער זייגער....

אוי בין איך פארשלאפן! איך האב זיך אויפגעוועקט געפרעגלט אויף ביידע זייטן כ'האב נישט געוואוסט אויף וועלכע וועלט איך בין... וועקער זייגער ארויף וועקער זייגער אראפ אן דעם אייבערשטן איז גארנישט דא! אז מ'טוט עפעס און מ'פארגעסט אריינצונעמען דעם אייבערשטער פאלט מען נאכדעם ביטערליך דורך.

פרייטאג צונאכטס האב איך נאכאמאל געבעטן דעם אייבערשטן אז איך וויל אויפשטיין פרי איך זאל קענען זיין גענוג פרי אין שול און שכח אייבערשטער אז איך האב זיך אויפגעוועקט גענוג פרי און אנגעקומען פרי אין שול, איך האב נאך געקענט אריינכאפן עטליכע פרקים משניות פאר די שיעור.

דער ראש ישיבה איז אראפ געקומען צום שיעור אונטן אין גן עדן התחתון און ס'איז געווען דארט זייער א גרויסע עולם. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ס'איז א שאד ער גייט נאר זאגן די ווערטער פון די זוהר הקדוש מיט זיין זוהן און ס'איז א שאד מ'קען דערוויל אריינכאפן שיעורים כסדרן אבער אנשי שלומינו האבן נישט געוואלט פארלירן אפילו נאר א ווארט פון דער ראש





ישיבה און אלע זענען געבליבן. זענדיג אז אלע בלייבן האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער וועט אנשטאט זוהר פארלערנען סידור עת רצון.

דער ראש ישיבה האט אויפגעמישט צו קרבן התמיד, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז דאס האט ער באקומען ביי מוהרא"ש אז ס'איז נישט דא אזא זאך שניידן די דאווענען, מ'נעמט א סידור און מ'דאווענט כסדרן מ'לאזט גארנישט אויס! דאס דארף מען אריינלייגן די קינדער ווען זיי זענען נאך אינג אז ס'זאל ווערן איינגעבאקן ביי זיי אז קרבנות איז א חלק פונעם דאווענען נישט דא קיין אויסלאזן.

נאכדעם ביים פארלערנען האט דער ראש ישיבה אויסגעשמועסט די שטיקל וואס מוהרא"ש ברענגט פון רבי נתן אז ס'איז דא א חצר און א הויז, און אין די חצר איז לייכט אריינצוגיין אבער צו קענען אריינגיין אינעם הויז דארף מען שוין ברעכן שטארקע מניעות. ווען מ'ווערט מקורב גייט עס לייכטער מ'פלאקערט מ'ברענט, אבער נאכדעם ווערט שוין זייער שווער זיך צו דערהאלטן, אבער אויב דערהאלט מען זיך וועט מען צום סוף זוכה זיין צו קענען אריינגיין אינעם בית און ווערן א גרויסע צדיק.

דער ראש ישיבה האט עס איינגעטייטש אינעם פסוק דער "צדיק כתמר יפרח" איז "שתולים בבית השם" ער איז גוט איינגעווארצלט אינעם בית השם ווייל "בחצרות אלקינו יפריחו" ווייל קודם האט ער געשפראצט און זיך דערהאלטן אינעם חצר.

דער ראש ישיבה האט זיך אויך אפגעשטעלט ביי די שטיקל וואו מוהרא"ש ברענג אראפ די מכילתא אז תפילות איז אזוי ווי א ווארימל ווארפט אראפ א בוים ער בייסט א ביס און נאך א ביס און אזוי ביז די גאנצע בוים טראסקעט אראפ. אזוי אויך איז די תפילות פון א איד נאך א תפילה און נאך א תפילה ביז ביים סוף פועל'ט מען.

דער ראש ישישבה האט געזאגט "איינמאל איז אריינגעקומען צו מיר א איד מיט א גרויסע צרה און בעט א עצה האב איך אים געזאגט "בעט דעם אייבערשטן"! דער מענטש איז געווארן געפערליך ברוגז און ענטפערט מיר "הייסט ס'איז פאר מיר נישט דא קיין עצה, בעט דעם אייבערשטן וויים איך אויך, איך דארף אבער א עכטע עצה תכלית למעשה..." דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מ'קען נישט דן זיין א מענטש, א מענטש פאלט אמאל אריין אין קטנות הדעת איז זייער שווער... אבער איין עצה איז פארהאן "תפילה", איינער וואס זאגט דיר אנדערש בארויבט דיר....

דער ראש ישיבה האט געזאגט ער לערנט פאר סידור עת רצון ווייל ער וויל אנשי שלומינו זאלן זיך מאכן א שיעור אין מוהרא"ש'ס ספרים.

נאכן שיעור האט דער ראש ישיבה געזאגט אז איינער האט אים מציע געווען אז ער זאל קויפן צוויי שטריימלעך איינס פאר וויליאמסבורג און איינס פאר שטעטל אזוי וועט דער ראש ישיבה נישט דארפן שלעפן דעם שטריימל אהין און צוריק. אבער איך האב יענעם מסביר געווען אז דו ווילסט זיך שפארן אביסל שוועריקייט אבער פארדעם ארבעט מען שפעטער אסאך שווערער... דו וועסט קויפן נאך א שטריימל וועסטו דארפן ארבעטן שעות אויף שעות זיך צו קענען ערלויבן דעם שטריימל קומט אויס דו ווילסט זיך שפארן אביסל שוועריקייט אבער צום סוף מאכסטו זיך נאר שווערער...

דער ראש ישיבה האט גערעדט וועגן די בנין אין אומאן, אז די לעצטע פאר יאר האט ער יעדעס יאר נאך ראש השנה געזאגט פארן גבאי מו"ה העניך אינדיג הי"ו אז דאס איז עס, מ'קען שוין מער נישט נוצן דעם היכל ביהמ"ד אויף צו עסן די סעודות, נאר מ'וועט מוזן בויען א שאטער אינדרויסן פונעם בנין וואס וועט קאסטן א הונדערט אלפים און דארט וועט מען עסן די סעודות.

שפעטער אינמיטן יאר האב איך מיך געכאפט וואס?? הונדערט טויזנט דאללער פאר פיר טעג אומבאקוועם? ניין איך האב געזאגט פאר העניך בשום פנים ואופן מ'וועט זיין אומבאקוועם אפאר טעג ווייל

הונדערט טויזנט דאלאר פאר א שאטער פאר פיר טעג באקוועמליכקייט איז ממש צוריסן געלט.

דאס יאר האב איך ממש געשפירט אז איך קען נישט מער, איך האב געזאגט פאר העניך דאס איז עס קומענדיגע יאר מאכט מען א שאטער! אבער יעצט טראכט איך צו מיר וואס איז דער הפקרות הונדערט טויזנט דאלאר פאר פיר טעג? איך דארף דאך קודם צאלן די מלמדים, ניין בשום פנים ואופן. איך האב געזאגט פאר העניך אראפ פון טיש נישט דא קיין שאטער.

דער ראש ישיבה האט גערעדט פון א צווייטע קהילה וואס האט אריינגעבאכטע מיליאנען אין א בנין אין איראפע דאס איז עפעס א מין הפקירות, נישט דא קיין מנין אידן וואס וואוינען דארט אין די גאנצע לאנד, פאר וועמען איז דער שול פאר איין מאל א יאר נסיעה צו מקומות הקדושים? פארדעם באכעט מען אריין מיליאנען?

נאכדעם איז דער ראש ישיבה אריין אין א גאנצע שמועס וועגן פארן אויף אומאן דער ראש ישיבה האט געזאגט אז דאס יאר זאגט ער נישט וועלכע וועג ער גייט פארן, ווייל לעצטע יאר האבן זייער אסאך געהאט טענות אז די וועג פון דער ראש ישיבה האט געקאסט זייער אסאך געלט, אנדערע וואס האבן געצאלט אסאך ביליגער זענען אנגעקומען שנעלער און געמאכט א רייזעניש אז מ'זאל פארן דורך מולדובה. היי יאר פארט מען טאקע דורך מולדובה אבער דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער האלט נאכאלץ אז די לייכטסטע וועג איז מיט די טרעין פון פולין.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער האט שטארקע הכרת הטוב פאר מו"ה אלי קנאלל הי"ו פון פלען איט רייט ווייל ווען אלע האבן געשריגן ביי קאראנא יאר אז ס'איז נישט דא קיין וועג אריין האט אלי זיך אריינגעלייגט צו טרעפן א וועג און מיטן אייבערשטן'ס הילף עס דורכגעבראכן.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז יעדער קען פארן וועלכע וועג ס'איז אים לייכטער, אבער ח"ו נישט פארן אליינס ווייל ווען מ'פארט קען מען זייער שנעל אראפפאלן אין שאול תחתית - כל הדרכים בחזקת סכנה, אבער אויב מ'פארט מיט אפאר חברים געבט יעדער אכטונג איינער אויף די צווייטער איז עס לייכטער.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז יעצט ווען ער איז געפארן קיין ארץ ישראל איז ער געזעסן נעבן זיין ווייב און געשריבן בריוו און געלערנט שיעורים דאך האט ער געשפירט אז ער מוז זיך שטארקן די גאנצע צייט ס'איז זייער א שווערע מלחמה. אין ארץ ישראל איז דא א צדיק הרה"ג ר' צבי מאיר זילבערבערג שליט"א וואס האט אזא שטארקע שמירת עינים אז ער פארט נישט אויף קיין פליגער נאר אויב ס'וועט נישט זיין קיין איין פרוי! אזוי ווי דאס איז דאך נישט שייך, דארפן מענטשן וואס ווילן ער זאל קומען, באצאלן פאר א פריוואטער פליגער!

איינע פון אנשי שלומינו פון ארץ ישראל האבן געפרעגט דעם ראש ישיבה אז ער טוט אלע סגולות וואס דער ראש ישיבה זאגט פאר שמירת עינים און דאך איז עס אים אזוי שווער ממש ער פילט ער ווערט פארברענט, וואס קען מען טון? ווי לאנג גייט דאס אנגיין? האט דער ראש ישיבה געזאגט די מלחמה גייט אן ביז מ'קומט אן אין קבר, נאר די סגולות מאכן ס'זאל זיין גרינגער.

ביי סיפורי מעשיות האט דער ראש ישיבה אנגעהויבן מעשה ו' מעשה ממלך ועניו דער ראש ישיבה האט זיך אפגעשטעלט דארט ווי דער רבי שרייבט אז דער חכם איז זיך געגאנגען נאכפרעגן די קאטאוועס - די ווערטלעך. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז פון ליצנות דארף מען אנטלויפן! דו



זעסט איינער מאכט חוזק פון א צדיק פון א הייליגע זאך אנטלויף. אז אלע מקורבים וואס פאלן אוועק איז נאר פון ליצנות. דער ראש ישיבה האט גערעדט פון די וואס גייען אין שוויץ און זיצן דארט און רעדן ליצנות און ניבול פה, דאס איז ממש געפערליך, דאס איז א פייער וואס מ'דארף אנטלויפן! ווער עס דארף זייער וויכטיג א שוויץ האט דער ראש ישיבה געזאגט אז איך האב א שוויץ בחנם! מען לעשט אויס די עיר קאנדישן מען טוט זיך אן א גראבע מאנטל, א מחי' א שוויץ...

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז דו בארעדסט דיין ראש ישיבה וואס האט זיך מוסר נפש געווען אז דו זאלסט האבן א שידוך, און איז פארשעמט אין אלע גאסן אז דו זאלסט קענען האבן א גוט לעבן און דו זיצט אין שוויצט און דו מאכסט ליצנות?! דערנאך האט דער ראש ישיבה גערעדט פון די עקל'דיגע וועג פון רעדן שטעכעדיג צווישן חברים, דער ראש ישיבה האט געפרעגט וואס איז פשט די תורה זאגט וחרב של שלום לא תעבור בארצכם, פארוואס נישט? וואס איז אזוי' שלעכט פון א חרב של שלום? נאר דער פשט איז אז א חרב של שלום דאס מיינט דער געמיינע וועג פון כלומרשע חברים וואס פליקן זיך די גאנצע צייט, דאס הייסט א חרב של שלום ער פארט מיט אים קיין קערעסטיר אבער זיי הערן זיך נישט אויף צו פליקן... דער ראש ישיבה האט געזאגט אז איינער האט אים פארציילט אז זיין טאטע זאגט אים אז דער וועג פון רעדן שיין פון היכל הקודש נישט דאס איז עכטע שלום בית.... עכטע שלום בית איז אז מ'פליקט זיך א גאנצן טאג... אבער מיר רעדן שיין און מיר פליקן נישט מיר דארפן נישט דעם חרב של שלום...

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מענטשן מאכן א טעות מ'מיינט אז אין היכל הקודש מוז מען ווערן א שמאטע אינדערהיים דאס איז אויך נישט ריכטיג, מוהרא"ש האט געזאגט אז מ'זאל רעדן שיין און קיינמאל נישט טענהן אבער אויב די ווייב וויל נישט זאלסט גיין צום רבי'ן דעמאלט טשעפעט מען איר נישט און ח"ו מ'טענהט נישט און מ'טוט וואס איז ריכטיג!

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער האט זייער שטארק הנאה געהאט צו הערן פון רבי דניאל שליט"א וואס האט במשך דעם יו"ט געדאווענט אין עטליכע בתי מדרשים דא אין שטעטל אז די ליבשאפט וואס איז דא ביי אונז שפירט זיך אין יעדער שול! דאס איז היכל הקודש!

ביי שלש סעודת האט דער ראש ישיבה זיך געשטעלט אויף דאס וואס שטייט ביי די פרשה פון סוטה אז די סיבה פארוואס א מענטש זינדיגט איז ווייל ער ווערט משוגע. וואס איז די עצה צו א משוגענעם האט דער ראש ישיבה געפרעגט - מ'האקט אים אן די ביינער! דארף מען קוקן וואס דער הייליגער רבי זאגט ווי אזוי טרייבט מען ארויס משוגע פון א מענטש? מיט די הייליגע תורה, די הייליגע תורה דאס איז ווי א שטעקן וואס טרייבט ארויס משוגע פון א מענטש. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ס'שטייט אז די לוחות איז געווען ו' על ו', ו' איז ווי א שטעקן וואס דאס קלאפט ארויס די יצר הרע.

דער ראש ישיבה האט זיך געבעטן אז יעדער זאל זיך מאכן א שיעור קבוע פון כאטש א פרק משניות מיט א דף גמרא נישט אויסלאזן א טאג אן לימוד התורה. נאכדעם האט דער ראש ישיבה זיך געבעטן מיט א געשטיקטע שטימע אז מ'זאל חלילה נישט אויסלאזן קיין שחרית מנחה מעריב נישט קיין חילוק וועלכע לבוש דו טראגסט, שחרית מנחה מעריב מוז מען קומען אין שול דאווענען. פאר שחרית איז גארנישט דא נישט דא קיין אפיס קיין סייט קיין ערלעדיגן קיין אימעילס, גארנישט פאר שחרית, די ערשטע זאך קום אים שול וויקל דיך איין מיט טלית און תפילין דאווען שחרית און נאכדעם קענסטו גיין ערלעדיגן דיין טאג ווייטער.

שכח אייבערשטער פאר די הערליכע שיינע יו"ט וואס איז אריבער עס זענען געווען נאך אסאך שיינע שיחות און שמועסן אבער וויפל איך האב זוכה געווען צו קענען מיטהאלטן און וואס איך האב געקענט געדענקען האב איך אפגעשריבן.

הלוואי זאלן מיר קענען מיטנעמען דעם יו"ט אויף א גאנץ יאר און לעבן מיט די לימודים וואס דער ראש ישיבה לייגט אין אונז אריין. אייבערשטער העלף אז קומענדיגע יאר זאל איך אויך זוכה זיין צו קענען זיין שבועות איינאינעם מיט דער ראש ישיבה. שכח אייבערשטער אז מיר זענען מקורב צו אזא לעכטיג פלאץ וואס לערנט אונז אזעלכע זיסע עצות!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**





# צוויי געסט

צוויי געסט אויפן שטראז,
שפאצירן ארויס,
פון גאסט הויז...

איינער קען זיך נישט איבערקומען,
עמאציאנאל איבערגענומען...:
"געפאנגען פריש,
פאר מיר צום טיש,
געבאקענע פיש..."

זיך אנגעשטרענגט ספעציעל,
פאר "מיר" געמאלן מעהל.
איינגעקנעט,
פאר **מיר** באגעט (Baguette),
צו דער זעט!"

דער צווייטער מאכט אוועק וואס ער רעדט,
"מ'קען מיינען, פאר א נאכט געגעבן א בעט..."
"נעם אין אכט,
עס'ס געמאכט,
פון **זיך** געטראכט...

באקן, קאכן געווען פארנומען,
אלעס פאר אים און זיין משפחה.
און אז מיר זענען שוין געקומען,
האבן מיר אויך געמאכט א ברכה..."

דער אייבערשטער האט באשאפן א וועלט,
פאר זיינע געסט **אלעס** צוגעשטעלט...

דער דאנקבארער גאסט,
פיל מיט עקסטאז,
אויפן הימל ווייזט.
**בשבילי נברא העולם, איך בין וויכטיג,**
דער אייבערשטער מאכט פאר מיר ליכטיג!

דער אורח רע'ס בליק איז,
אלעס קומט זיך אים געוויס.
מען האט נישט געקויפט קיין קערידזש,
ער ערווארט מער פון זיין מארידזש...

דער אורח טוב - אים איז באקוועם,
ער פילט נישט אז יעדער קומט אים.
די שוויגער דארף נישט קויפן א קערידזש,
זי טרעפט דאס גוט אין איר מארידזש...

הימל, בייאער, אזא שיינע סצענע,
באשעפער, פאר מיין גאסט הויז איך דאנק,
פון אזויפיל גוטס בין איך נהנה.
מיין לעבן איז איין שטיק געשאנק!!!

# מעשיות פון תפילה



ב. ש. וואסערמאן
קרית ברסלב

עס פלעגט קומען יעדן טאג ביי מיין פארטש שיינע פייגלעך. איך האב זיי געלייגט ברויט, די קינדער האבן הנאה געהאט צו קוקן.

איין טאג איז געווארן געפאנגען די פייגל אין די נעט פון די טיר ביי די פארטש, ער האט נישט געקענט ארויסגיין פון דארט. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל טרעפן די וועג ארויס, פאר צען מינוט האט ער נאר פראבירט צו ארויסגיין פון אויבן, שכח אייבערשטער אז נאך צען מינוט האט ער פרובירט צו ארויסגיין פון אינטן וואס דארט איז געווען א לאך ארויס.

אזוי איך דארפן אונז זיך אראפבייגן און פאלגן צדיקים, וועלן מיר אויך ארויסגיין פון אונזער גלות.

ר. אײדליס
קרית ברסלב

איך בין ארויסגעפארן אויף א טריפ מיט מיינע תלמידות. מיר האבן געהאט אפאר סטאפס. ביי די צווייטע אדער דריטע סטאפ האב איך פארלוירן מיין טעלעפאון. איך האב עס ארומגעזוכט, אבער למעשה האבן מיר געמוזט ווייטער גיין, און איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס קענען שנעל צוריקבאקומען.

ביי די קומענדיגע סטאפ האב איך די גאנצע צייט געבעטן דעם אייבערשטן, "איך בעט דיר מאך איך זאל טרעפן מיין טעלעפאון". שכח אייבערשטער איך האב באקומען א רוף פון איינעם אז מ'האט עס געטראפן, און איך האב עס גרינגערהייט געקענט צוריקבאקומען.

ל. וואסערמאן
קרית ברסלב

איך האב געהאלטן אינמיטן נייען זייער א דיקע זאך. די ניי מאשין האט נישט געקענט דורכנייען. די נאדל האט זיך צובראכן, איך האב געהערט עפעס אן אינטערעסאנטע גערודער. נאכן לייגן א נייע נאדל זע איך אז די מאשין איז צובראכן. עס האט זיך געגעבן א נישט גוטע רוק, און די פאדים פון אונטן וויל נישט ארויפקומען.

אזוי ווי איך ניץ עס זייער אפט, און ס'איז וויכטיג פאר מיר צו האבן, האט מיר עס געשטערט אז פלוצלונג האב איך נישט די ניי מאשין. כ'האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס קענען פארריכטן, כ'זאל שנעל קענען ווייטער נייען, אדער זאל איך כאטשיק קענען ענדיגן צוויי זאכן וואס דארף שוין היינט זיין גרייט. איך האב אויסגעשרויפט און פראבירט צו זען וואס איך דארף צוריקרוקן. איך האב אויך ארויסגענומען מיין אלטע מאשין צו זען וואס איך אנדערש, און שכח אייבערשטער כ'האב באמערקט וואס איך דארף רוקן. איך האב געקענט פארריכטן און ענדיגן נייען די צוויי זאכן.

נאכדעם האט עס ווייטער אנגעהויבן צו האנקענען און נישט נייען גוט. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן כ'זאל שנעל קענען באקומען א נייע מאשין, שכח אייבערשטער מיין האט מיר געקענט טראגן צום געשעפט קויפן א נייע מאשין.



845-379-1161
136 Huschke Rd Hurleyville NY 12747
Breslevofficeliberty@gmail.com

# Easy Cauliflower Soup

BY: G. APPEL

## INGREDIENTS:

- ONION
- CAULIFLOWER
- BREADED CAULIFLOWER
- ONION SOUP MIX
- SALT

## DIRECTIONS:

- SAUTEE 1 ONION.
- ADD 1 BAG OF FROZEN CAULIFLOWER AND SAUTE UNTIL SOFT.
- FILL A POT WITH WATER.
- ADD 3 TBSP ONION SOUP MIX.
- 1/2 TBSP SALT.
- BRING TO BOIL AND BLEND.
- COOK FOR ANOTHER 15 MINUTES.
- ADD BREADED CAULIFLOWER.
- CUT FROZEN BREADED CAULIFLOWER ON PARCHMENT PEPPER SPRAY WITH OIL.
- BAKE UNCOVERED ON 400 FOR 15/20 MINUTES TILL IT GOLDEN.





# קינדער בלעטל

מוהרא"ש און
קינד ביים הייליגן

# בעלזא
# רב זי"ע

געוואונער פונעם שבועות פארקעסט:

## משפחת קרויס
## וויליאמסבורג



# מעשה'לעך פאר קינדעלעך

## אַסַאךְ מִצְוֹת

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד פְלֶעגְט אִים זַיין מַאמֶע גֶעבְּן גֶעלְט עֶר זָאל קֶענֶען קוֹיפְן גוּטֶע זַאכְן, דֶער קְלֵיינֶער נַחְמָן הָאט נִישְׁט גֶענוּצְט דִי גֶעלְט צוּ קוֹיפְן נַאשׁ, פְּרֵייזֶעס אוּן גוּטֶע זַאכְן, עֶר פְלֶעגְט גֶעבְּן דִי גֶעלְט פַאר צְדָקָה, אוֹיךְ פְלֶעגְט עֶר גֶעבְּן דִי גֶעלְט פַאר זַיין רֶבִּי אִין חֵדֶר עֶר זָאל לֶערְנֶען מִיט אִים נָאךְ מֶער וִוי אַלֶע קִינְדֶער.

דֶער קְלֵיינֶער נַחְמָן הָאט גֶעוָואלְט טוּן דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן צְדָקָה, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען שְׁטִילֶערְהֵייט אִין שׁוּל; דָארְט אִין שׁוּל אִיז גֶעוֶוען אַ צְדָקָה פּוּשְׁקֶע. נַחְמָן אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ צוּ טוּן דֶעם וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט אָבֶּער גֶעוָואלְט הָאבְּן אַסַאךְ מִצְוֹת, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט: "אוֹיבּ אִיךְ וֶועל אַרַיינְלֵייגְן אוֹיף אֵיין מָאל דִי גַאנְצֶע מַטְבֵּעַ וֶועל אִיךְ הָאבְּן נָאר אֵיין מִצְוָה, אִיךְ ווִיל דָאךְ הָאבְּן אַסַאךְ מִצְוֹת", הָאט דֶער קְלֵיינֶער נַחְמָן גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: "אִיךְ הָאבּ אַן עֵצָה, אִיךְ וֶועל אוֹיפְטוֹישְׁן דִי מַטְבֵּעַ אוֹיף אַסַאךְ פְּרוּטוֹת, אִיךְ וֶועל גֶעבְּן אֵיין פְּרוּטָה אוּן נָאךְ אַ פְּרוּטָה אוּן נָאכְדֶעם נָאךְ אַ פְּרוּטָה - אַזוֹי וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַסַאךְ מִצְוֹת".

דֶער קְלֵיינֶער נַחְמָן הָאט גֶענוּמֶען דִי מַטְבֵּעַ אוּן עֶס אוֹיפְגֶעטוֹישְׁט אוֹיף אַסַאךְ פֶּענִיס אוּן עֶר הָאט גֶענוּמֶען דֶעם סִידוּר "שַׁעֲרֵי צִיוֹן" אוּן גֶעזָאגְט דֶעם לְשֵׁם יִחוּד, עֶר הָאט אַרַיין גֶעלֵייגְט אַ פֶּענִי אִין פּוּשְׁקֶע, נָאכְדֶעם אִיז עֶר נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ דִי צְדָקָה פּוּשְׁקֶע אוּן נָאכְאַמָאל גֶעזָאגְט דֶעם לְשֵׁם יִחוּד אוּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט נָאךְ אַ פְּרוּטָה, אַזוֹי הָאט דֶער קְלֵיינֶער נַחְמָן גֶעטוּן אַסַאךְ מָאל; עֶר הָאט גֶעטוּן אַסַאךְ מָאל דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה.

קִינְדֶער, עֶטְץ וֵוייסְט וָואס אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן פוּן דֶעם קְלֵיינֶעם נַחְמָן? וֶוער וֵוייסְט? דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי! וַוייל וֶוען מֶען טוּט אַסַאךְ מִצְוֹת בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת וַואקְסְט מֶען אוֹיף אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.




## נָאךְ אַ פְּרוּטָה און נָאךְ אַ פְּרוּטָה

# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**



**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער הייליגער רבי האט געזאגט: "איינמאל די תורה וועט דיר ווייזן איר פנים, וועסטו שוין גארנישט דארפן!"

## ברסלב'ע חידות

**דער הייליגער רבי נתן האט אמאל געזאגט: די וועלט איז _____ און מען קען זי _____ באקומען**

א. יא
ב. נישט
ג. אפשר
ד. כמעט

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער הייליגער רבי האט אמאל געשריגן אויף ר' נתן: "דו ווייסט ווי גרויס די כח התורה איז? תורה איז העכער פון **אלעס!**"

## און די געווינער איז...

געווינער פון פאריגע וואך:

**אלעזר ישעי' פרידמאן נ"י – מאנסי**

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** – חלק ראשון

**ז. מִי שֶׁאֵינוֹ מֵכִין אֶת לִבּוֹ, אֵינוֹ יָכוֹל לָבוֹא לֶאֱמוּנָה.**

צוּ קֶענֶען צוּקוּמֶען צוּ אֱמוּנָה, דַארְף מֶען קוֹדֶם צוּגְרֵייטְן דָאס הַארְץ פַאר דֶעם.



# שרייב טישל

## טרעף די וועג

**מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד!**





## טרעף די ווערטער

| | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ע | ר | מ | כ | א | ס | ו | כ | ט | ש |
| ט | ג | ז | כ | ע | ו | י | א | ג | ט |
| ס | ת | ה | ל | ע | ל | ד | י | י | י |
| ג | ח | א | צ | י | ה | ע | י | מ | ז |
| י | ז | י | י | נ | ה | פ | ב | פ | ה |
| ט | ד | ר | נ | א | ט | כ | ע | נ | ג |
| כ | פ | ע | ו | פ | י | צ | ר | ע | ד |
| י | מ | צ | מ | ל | מ | ז | ש | ק | ט |
| ו | ר | כ | י | פ | מ | ע | ט | ת | ת |
| ו | א | י | ת | ט | י | ע | נ | מ | ב |
| ז | ר | ג | א | ד | פ | ו | נ | ט | ר |
| פ | ע | ה | ש | ט | ע | ב | א | ר | ש |
| י | ס | ר | ש | ל | א | ו | י | ב | ח |
| ת | מ | י | י | ה | ש | ו | ר | נ | פ |
| ו | נ | י | ה | ס | מ | ל | ו | ש | ט |
| ת | ו | כ | ת | נ | ח | ד | נ | א | ח |
| ו | ק | ו | ח | צ | ה | ש | ע | נ | ס |

בעט דעם אייבערשטן אויף שמחה, ווייל זיין פריילעך איז די וויכטיגסטע זאך; א מענטש קען אלעס האבן, אויב איז מען נישט פריילעך – וואס האט מען פון די לעבן?...

*(עצתו אמונה בהעלותך תשפ"ב)*

# געמאלן

א מעשה פון תפילה




געמאלן דורך:
ריצי וועבערמאן

געמאלן דורך:
בית רבקא ירושלים

# קליין מיין

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:
845.379.1161
BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM


מרדכי יצחק פערל


נחמן נתן בלום


דבורה לעווי


אליעזר שלמה וועבערמאן


יוטא און שרה שטיינבערג


יוטא שטיינבערג


משפחת פיש


חוה לאה פערל


נחמן נתן פרידריך


מלכה בירנבוים


מלכה בירנבוים


אליעזר שלמה יאקאבאוויטש - פליגער


ליפא איינהארן


יוטי לעווי


תלמוד תורה קרית יואל

# דער אוצר אויפן באן 2

דאס לעבן און שאפן פון מוהרא"ש זי"ע






געשאנקען מיט רשות פון 'עיר ברסלב'

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



חדר פירן להילד נחמן נתן נ"י בן מו"ה אשר לעמיל זוסמאן הי"ו





חדר פירן פון הילד עובדיה נ"י בן מו"ה אבא חייא רייזמאן הי"ו אין תלמוד תורה היכל הקודש בני ברק







**בית מדרש אין בני ברק איז גרייט פאר יום טוב**

קרעדיט: איציק







**הסידישע ספרים געקויפט ביים בית המדרש היכל הקודש בני ברק על פי פקודת הראש ישיבה שליט״א**

**נייע שיפמענט פון שמעקערס פאר די קאר אנגעקומען אין בני ברק**



**בית מדרש אין בית שמש איז גרייט פאר יום טוב**




**דער ראש ישיבה באזוכט היכל הקודש לעיקוואד**

קרעדיט: יוסי פרערויא , שמעון פיש




**דער ראש ישיבה שליט"א אין א שמועס מיט מו"ה שלום מרדכי רובאשקין שליט"א**

קרעדיט: יוסי פרערויא





**בר מצוה פון בן מו"ה יהושע פיוטרקבסקי הי"ו אין לעיקוואד**

קרעדיט: יוסי פרערויא



**דער ראש ישיבה אין א שמועס מיט מו"ה אברהם הערש דער ארויסגעבער פון דעם ברייטבאקאנטן "קרית ברסלב בלעטל" ארום דעם שיינעם אויסגאבע פון יו"ט שבועות**

קרעדיט: אייזיק ראטה



**דער ראש ישיבה ביים געבן א דף שיעור ערב יו"ט שבועות אין גן עדן התחתון**

קרעדיט: אייזיק ראטה



**דער ראש ישיבה ביים געבן דעם ספר אשר היה אל יואל פארן מנהל בית הדפוס מו"ה אשר יעקב בלום הי"ו**

קרעדיט: אייזיק ראטה



**ביים פארלערנען פון ספר אשר היה אל יואל**

קרעדיט: אייזיק ראטה